ב"ה

# בשער הפרשה

## רעיונות מתורתו של הרבי על התחלת פרשיות התורה

---

נערך על ידי

*הת' מנחם מענדל שי' מינץ*

ץנימ ברה רפס.indd 1 06/08/2008 20:31:36

©

Published and Copyright 2008
by the Mintz family

1359 Carroll St. Brooklyn, New York 11213
5768 • 2008

Printed in Canada
by Point One Communications
Montreal, QC

נסדר והוכן לדפוס ע"י
***יעקב חיים שכטר***

רפס ברה צנימ.indd 2 06/08/2008 20:31:38

# פתח דבר

מיט לויב און דאַנק צו השי"ת, גיבן מיר אַרויס דעם קובץ "**בשער הפרשה**" - אַ ליקוט פון שיחות קודש פון **כ"ק אדמו"ר נשיא דורנו** אויף דער אָנפאַנג פון די פרשיות אין תורה.

די שיחות קודש זיינען געשריבן געוואָרען בקיצור, גענומען פון לענגערע שיחות וואו די ענינים ווערן ערקלערט אויספירלעך, מיט מער ביאורים, הערות און מראי מקומות. כדי צו קענען גרינגער נאָכקוקן דעם מקור, ווערט אָנגעצייכענט ביי די ענדע פון יעדער שיחה וואו דער שיחה איז געדרוקט.

די תורה געדאַנקען זיינען גענומען געוואָרען פון גרויסן אוצר פון דעם רבינ'ס דברי תורה, געדרוקט בעיקר אין "לקוטי שיחות", ווי אויך אין "ספר השיחות", "תורת מנחם", "שיחות קודש", "אגרות קודש", און "ספר המאמרים" (מלוקט).

• • •

אין די ערשטע יאָרן פון זיין נשיאות, האָט דער אַלטער רבי געזאָגט צו זיינע חסידים: "מען דאַרף לעבן מיט דער צייט". דורך זיין ברודער, דער מהרי"ל, האָבן די חסידים פאַרשטאַנען אַז די כוונה פון דער אלטער רבי איז געווען: צו לעבן מיט דער "פרשת השבוע".

אין דעם אוצר פון שיחות קודש וואָס אונזער דור האָט זוכה געווען דערצו, גיט אונז דער רבי די מעגלעכקייט צו "לעבן מיט דער פרשת השבוע" - צו פאַרשטיין ווי יעדער ענין אין תורה איז אַ אָנווייזונג אין אונזער טאָג טעגליכען לעבן; ווי אַ איד דאַרף לעבן אויף דער וועלט, וואַקסן אין זיין לימוד התורה, קיום המצות און עבודת ה', און מאַכן פון דעם וועלט אַ "דירה לו יתברך בתחתונים".

כאָטש אז רש"י האָט געשריבן זיין פירוש על התורה לויט "פשוטו של מקרא", כדי עס זאָל זיין פאַרשטאַנדיק אַפילו פאַר אַ "בן חמש למקרא", פונדעסטוועגן שרייבט דער של"ה הקדוש אַז אין יעדער וואָרט פון רש"י זיינען פאַראַן "ענינים מופלאים", וואונדערליכע טיפע געדאַנקען. אַזוי אויך האָט דער אַלטער רבי אַמאָל

ספר ברה מינע.indd 3 06/08/2008 20:31:38

געזאָגט, אַז פירוש רש"י אויף חומש איז "יינה של תורה"; עס עפענט אויף די האַרץ און אַנטפלעקט אהבה און יראה עצמיות.

אַ טייל פון די שיחות וואָס ווערן דאָ געבראַכט זיינען געבויט אויף שאלות און ביאורים אין פירוש רש"י, וואו דער רבי ערקלערט די וואונדערליכע ענינים וואָס ליגן אין פירוש רש"י. די דאָזיקע שיחות קודש אַנטפלעקן פאַר אונז די "ענינים מופלאים" אין רשי"ס "יינה של תורה".

צו קענען קלערער פאַרשטיין די שיחות האָבן מיר צוטיילט יעדער שיחה אין דריי חלקים: די שאלה, דעם ביאור און די הוראה. מערסטע מאָל איז די הוראה ערקלערט אין שיחה בפירוש, און עטליכע מאָל איז עס גענומען געוואָרען פון די תוכן פון דעם שיחה.

וויבאלד עס קען אַמאָל אַריינפאַלן אַ טעות (אין שרייבן אָדער אין פאַרשטאַנד), איז דאס א טעות אין אונזער שרייבן ניט אין מקור. און ווי דוד המלך זאָגט אין תהילים (קאַפיטל יט) "שגיאות מי יבין וגו'" - ווער קען זיך פארהיטן פון אַ גרַייז.

• • •

במשך די לעצטער יאָר, האָב איך געלערנט יעדער וואָך מיט מיין טאַטע שי' אַ שיחה אויפ'ן פרשה פון דער וואָך. נאָכדעם האָב איך עס פאַרשריבען און אויסגעטיילט צווישן מיינע חברים שיחיו אין ישיבה.

יעצט, אין צייט פאַר מיין בר מצוה מסיבה, קומט עס אַרויס אין דרוק מיט אַ קלערערע פאַרשטאַנד און מיט די מראי מקומות. די שיחות זיינען געשריבן געוואָרען אין אַ קלאָרע אידיש, אַז אַפילו קינדער זאָלן עס קענען פאַרשטיין און איבער'חזר'ן ביים שבת טיש.

איך וויל נעמען דעם געלעגענטהייט צו דאַנקען די פאָלגענדע מענטשן פאַר העלפן מיר אַרויסגעבן דעם קובץ פאַר מיין בר מצוה: צום אלעם ערשטנ'ס מיין טאַטע הרה"ח ר' **אפרים שמואל** שי' פאַר מאַכן די שיחות קלערער און לייכטער צו פאַרשטיין, און אויך פאַר צולייגן די מראי מקומות. איך וויל אויך דאַנקען הרה"ח ר'

רפס ברה ניע.indd 4 06/08/2008 20:31:38

**פתחי'** שי' **קאָרף** פאַר זיין גרויסע הילף אין איבערקוקן און אַדורכגיין די גאַנצע קובץ און פאַרריכטן דעם "סגנון" און "לשון"; מיין פעטער התמים ר' **שלום דובער הלוי** שי' **גורביץ** פאַר זיין הילף אין צוגרייטן דעם קובץ צו דרוק; מיין פעטער הרה"ח ר' **לוי יצחק** שי' **קפלן** פאַר זיין הילף מיט עטליכע פון די שיחות; התמים **יעקב חיים** שי' **שכטר** פאר אויסשטעלן דעם קובץ; און ר' **שמעון לייב** שי' **יעקבס** פאַר ברענגען עס צום דרוק.

אויך וויל איך זייער אָפּדאַנקען מיין טייערע מאַמע שתחי' פאַר די חינוך וואָס זי איז מיר מחנך, און פאַר אַלץ וואָס זי טוט פאַר מיר און פאַר די גאַנצע משפחה. איך וויל אויך דאַנקען מיינע טייערע ברידער הת' **אייזיק גרשון, לוי, יוסף, שלום דובער, אברהם זאב, יהושע זעליג** שיחיו און מיין שוועסטער **חי' מושקאָ** שתחי' פאַר זייער שטענדיקע הילף.

• • •

במשך די לעצטע יאָר, האָב איך עטליכע מאָל געשיקט די שיחות צו מיין באַליבטער עלטער זיידע **הרב החסיד ר' מרדכי הכהן ריבקין** ע"ה. צו אונזער גרויס צער איז ער נפטר געוואָרען עטליכע חדשים צוריק (ב' ניסן, ה'תשס"ח). זאָל דער קובץ זיין לעילוי נשמתו, און ער זאָל זיין אַ גוטער בעטער פאַר מיין טייערע עלטער באָבע מרת **דוואשא** שתחי' **ריבקין** לאורך ימים ושנים טובות, און פאַר אַלע זייערע קינדער, אייניקלאַך, און אור-אייניקלאַך שיחיו.

מיט אַ תפילה צו השי"ת אַז דער קובץ זאָל נאָכמער פאַרשפרייטן די ליכטיקייט פון תורת החסידות, וואָס וועט צוהיילן די גאולה האמיתית והשלימה, ווען דער רבי וועט אונז אַרויספירן פון גלות במהרה בימינו ממש.

כ"ט תמוז, ה'תשס"ח

***מנחם מענדל מינץ***

ספר הרב מינץ.indd 6 06/08/2008 20:31:38

# מפתח ענינים

**ספר בראשית**

פרשת בראשית 10
פרשת נח 13
פרשת לך לך 16
פרשת וירא 20
פרשת חיי שרה 23
פרשת תולדות 26
פרשת ויצא 30
פרשת וישלח 35
פרשת וישב 37
פרשת מקץ 41
פרשת ויגש 44
פרשת ויחי 46

**ספר שמות**

פרשת שמות 52
פרשת וארא 57
פרשת בא 60
פרשת בשלח 63
פרשת יתרו 66
פרשת משפטים 70
פרשת תרומה 75
פרשת תצוה 79
פרשת תשא 84
פרשת ויקהל 88
פרשת פקודי 92

**ספר ויקרא**

פרשת ויקרא 98
פרשת צו 103
פרשת שמיני 106
פרשת תזריע 109
פרשת מצורע 112
פרשת אחרי 114
פרשת קדושים 119
פרשת אמור 122
פרשת בהר 124
פרשת בחוקותי 126

ספר הרב מינע.indd 7 06/08/2008 20:31:38

# מפתח עניינים (המשך)

## *ספר במדבר*


פרשת במדבר 130

פרשת נשא 132

פרשת בהעלותך 136

פרשת שלח 139

פרשת קרח 143

פרשת חוקת 146

פרשת בלק 150

פרשת פנחס 154

פרשת מטות 159

פרשת מסעי 162


## *ספר דברים*


פרשת דברים 166

פרשת ואתחנן 168

פרשת עקב 170

פרשת ראה 172

פרשת שופטים 174

פרשת כי תצא 177

פרשת כי תבוא 179

פרשת נצבים 181

פרשת וילך 184

פרשת האזינו 186

פרשת וזאת הברכה 189



ספר הרב מינע.indd 8 06/08/2008 20:31:38

# בשער הפרשה

## ספר
# בראשית

ענימ ברה רפס.indd 9 06/08/2008 20:31:39

# פרשת בראשית

ספר בראשית און גאַנץ תורה שבכתב הויבט זיך אָן מיט די פסוקים וואָס דערציילן ווי דער אויבערשטער האָט באַשאַפן די וועלט און אַלע באַשעפענישן.

אין אָנהויב פון זיין פירוש אויפ'ן תורה, פרעגט רש"י: "לא היה צריך להתחיל את התורה" - די תורה האָט דאָך ניט געדאַרפט אָנהויבן (מיט בריאת העולם), "אלא מהחודש הזה לכם" - נאָר מיט די די מצוה פון קידוש החודש; "שהיא מצוה ראשונה שנצטוו בה ישראל" - ווייל דאָס איז דאָך די ערשטע מצוה וואָס די אידן זיינען אָנגעזאָגט געוואָרן, "ומה טעם פתח בבראשית" - און וואָס איז טאַקע די טעם וואָס די תורה הויבט זיך אָן מיט בריאת העולם; "משום כח מעשיו הגיד לעמו להם נחלת גוים" - כדי צו לאזן וויסן די אידן ווער האָט באַשאַפן די וועלט און זיי דערמיט געבן די רעכט אויף ארץ ישראל, "שאם יאמרו אומות העולם לישראל" - ווייל אויב די גוים וועלן קומען מיט אַ טענה צו אידן און זיי באַשולדיקן, "ליסטים אתם שכבשתם ארצות שבעה גוים" - אַז איר זייט גנבים ווייל איר האט אַוועק גענומען די לאַנד פון די זיבן פעלקער (ארץ ישראל). "הם אומרים להם: כל הארץ של הקב"ה היא. הוא בראה ונתנה לאשר ישר בעיניו. ברצונו נתנה להם וברצונו נטלה מהם ונתנה לנו" - זאָלן די אידן ענטפערן די גויים און זאָגן: די גאַנצע לאַנד געהערט צום אויבערשטן ווייל ער האָט עס באַשאַפן. ער האָט עס געגעבן צו דער וואָס ער האָט געוואָלט; מיט זיין רצון האָט ער געגעבן ארץ ישראל צו די אומות העולם, און מיט זיין רצון האָט ער עס אַוועק גענומען פון זיי און עס געגעבן צו די אידן.

**השאלה:** רש"י האָט דאָך געשריבן זיין פירוש כדי אַז אַפילו אַ "בן

חמש למקרא" זאָל קענען פאַרשטיין די פסוקי התורה. אויב אַזוי לכאורה וואָלט מער געפּאַסט אַז רש"י זאָל פריער מסביר זיין די פשוט'ער פשט אין פסוק און ערשט דערנאָך באַמערקן אַ שאלה וואָס איז ניט אַזוי נוגע אין פשט פון פסוק, נאָר אַ כללות'דיקע שאלה (פאַרוואָס הויבט זיך ניט תורה אָן מיט די ערשטע מצוה). שפּעטער אין זיין פירוש איז רש"י טאַקע מפרש די ווערטער "בראשית ברא אלקים", אָבער פאַרוואָס פרעגט ער פריער די שאלה, וואָס איז לכאורה ניט אַזוי נוגע אין "פשוטו של מקרא"?

**הביאור:** ווי געזאָגט האָט רש"י געשריבן זיין פירוש אויף צו ערקלערן די פסוקים כדי אַז אַפילו אַ "בן חמש למקרא" זאָל עס קענען פאַרשטיין. בשעת אַ קינד קומט אין חדר כדי צו לערנען וועגן די מצוות וואָס דער אויבערשטער האָט אונז אָנגעזאָגט און לערנט צום ערשטן מאָל די ערשטע פסוק אין תורה וואונדערט ער צו זיך: אין האָב דאָך געקומען אין חדר כדי צו לערנען וועגן די מצוות פון ה', ווי איך דאַרף זיך אויפפירן, און מיט וואָס הויבט זיך אָן די תורה? מיט אַ דערציילונג ווי די הימל און ערד זיינען באַשאַפן געוואָרען?! וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס מיט תורה און מצוות? וואָס דאַרף איך פון דעם אָפלערנען?

דעריבער הויבט אָן רש"י זיין פירוש - וואָס ער האָט געשריבן פאַר דעם "בן חמש למקרא" - גלייך פון אָנפאַנג: "לא היה צריך להתחיל את התורה אלא מהחודש הזה לכם" - די תורה (וואָס איז אויסן צו אונז אויסלערנען די **מצוות פון דעם אויבערשטן**) האָט טאַקע געדאַרפט אָנהויבן מיט **די מצוה** פון קידוש החודש; "שהיא מצוה ראשונה שנצטוו בה ישראל" - ווייל דאָס איז געווען די **ערשטע מצוה**. אויב אַזוי, "מה טעם פתח בבראשית" - פאַרוואָס טאַקע הויבט זיך אָן תורה מיט בריאת העולם? וואָס האָט עס צוטאָן מיט מצוות? וואָס פאַר אַ

שייכות האָט עס מיט מיר?

צוליב אָט דער שאלה פון דעם "בן חמש למקרא", קען רש"י ניט אָפּלייגן פון צו ענטפערן די שאלה; רש"י האָט ניט געקענט פריער מסביר זיין די פשוט'ע פשט אין פסוק, און ערשט דערנאָך באַמערקן אויף דער שאלה. ווייל דער "בן חמש למקרא" טענה'ט אַז ער פאַרשטייט ניט בכלל ווי קומט עס אַז תורה הויבט זין אָן מיט אַזאַ דערציילונג? דעריבער מוז רש"י פריער פאַרענטפערן די שאלה (אַז ס'איז געזאָגט געוואָרען כדי צו אָפּענטפערן די טענה פון אומות העולם וועגן ארץ ישראל) און דערנאָך קען רש"י ממשיך זיין און מסביר זיין די פשט אין פסוק.

• • •

**ההוראה:** דערמיט לערנט אונז רש"י אויך אַ וויכטיקע הוראה:

בשעת אַ קינד הויבט אָן לערנען תורה און וועט אויך לערנען אַסאַך סיפורים אין תורה, זאָגט אונז רש"י גלייך אין אָנהויב פון זיין פירוש על התורה, אַז ער זאָל וויסן זיין אַז פון יעדער סיפור אין תורה דאַרף מען אָפּלערנען אַ הוראה. אַזוי ווי דער ערשטער סיפור אין תורה וועגן בריאת שמים וארץ דינט אַלץ אַ הוראה ווי אַ איד דאַרף ענטפערן די אומות העולם אין אַלע דורות, אזוי אויך דאַרף יעדער סיפור אין תורה (נישט נאָר די מצות אין תורה) דינען אַלץ הוראות במשך אַלע דורות[1].

1. שיחת שבת בראשית ה'תשד"מ (התוועדות א'). לקוטי שיחות חלק ה ע' 2.

# פרשת נח

אין אָנהויב פרשת נח דערציילט די תורה: "אלה תולדות נח נח איש צדיק תמים היה בדורותיו" - די זיינען די קינדער פון נח, וואָס נח איז געווען אַ צדיק.

איז רש"י מפרש אויף דעם: "הואיל והזכירו - וויבאַלד אַז דער תורה דערמאָנט נח, "סיפר בשבחו" - ווערט דערציילט זיין שבח (אַז ער איז געווען אַ צדיק). "שנאמר" - ווי עס שטייט[2], "זכר צדיק לברכה" - אַז מען זאָל געדיינקען אַ צדיק פאַר אַ ברכה.

**השאלה:** שטעלט זיך די שאלה: וואָס איז טאַקע דער טעם אַז ווען מען דערמאָנט אַ צדיק דאַרף מען אים משבח זיין? און וואָס ווערט אויפגעטאָן מיט דעם וואָס מען איז אים משבח?

**הביאור:** וועט מען עס פאַרשטיין בהקדים וואָס די גמרא זאָגט[3]: "לשון תליתאי קטיל תליתאי" - אַז לשון הרע שאַדט ניט נאָר דער וואָס זאָגט, און הערט לשון הרע, נאָר אויך דער וועגן וועלכע מען דערציילט די לשון הרע.

לכאורה קען מען פרעגן: דאָס וואָס לשון הרע שאַדט דער וואָס רעדט און דער וואָס הערט איז פאַרשטאַנדיק, ווייל זיי האָבן ביידע זיך באַטייליקט אין דעם עבירה. וואָס איז אָבער שולדיק דער מענטש וועגן וועלכע זיי האָבן גערעדט לשון הרע? פאַרוואָס זאָל ער ליידן?

2. משלי י', ז.

3. ערכין טו, ב.

דער ענטפער אויף דעם איז: ווען אַ מענטש זאָגט עפּעס בדיבור, ברייננגט ער אַרויס די זאַך פון העלם (מחשבה) צו גילוי (דיבור). דעריבער ווען מען דערציילט שלעכטס אויף אַ מענטשן, קען עס אים ברענגען שאָדן[4].

• • •

חז"ל זאָגן[5] "מרובה מדה טובה ממדת פורעניות" - די מאָס פון שכר אויף אַ גוטע זאַך איז מערער און גרעסער ווי די מאָס פון אַן עונש אויף אַ שלעכטע זאַך. אַזוי איז אויך דאָ, אויב דורך רעדן שלעכטס אויף אַ מענטשן קען עס אים שאַטן, איז זיכער אַזוי און אין נאָך אַ גרעסערע מאָס, אויב מען רעדט גוטס אויף אַ מענטשן און דערציילט וועגן זיין גוטסקייט און מעלות, וועט עס זיכער פועל'ן גוטס אויף דער וואָס מ'האָט אויף אים גערעדט. ווייל דורך דעם אַנטפלעקט מען (פון מחשבה אין דיבור) זיין גוטסקייט און שבחים. און דאָס שטאַרקט אים און העלפט אים אין זיין עבודה.

דאָס איז דער טעם פון "זכר צדיק לברכה", אַז ווען מען דערמאָנט אַ צדיק זאָל מען אים משבח זיין, ווייל דורך דעם וואָס מ'איז אים משבח, העלפט מען אים אַרויס אין זיין עבודה.

• • •

דערמיט וועט מען אויך ענטפערן אַ שאלה וואָס מפרשים פרעגן: פאַרוואָס איז מען ניט משבח נח די ערשטע מאָל וואָס זיין נאָמען

---

4. ווי די סיפור אין היום יום (כט תשרי) וועגן דער בעל שם טוב מיט דער וואס האט געזאגט א צווייטן מיט וועלכע ער האט זיך צוקריגט אז ער וועט אים רייסן ווי א פיש. האבן די תלמידים פון בעל שם טוב טאקע געזען ווי זיינע ווערטער האבן געהאט א שרעקלעכע תוצאה.

5. סוטה יא, א.

ווערט דערמאָנט אין תורה (אין סיום פון פרשת בראשית): "ונח מצא חן בעיני ה'"?

לויט דעם ווי מ'האָט פריער ערקלערט, איז עס גוט פאַרשטאַנדיק:

דער טעם פון "זכר צדיק לברכה" איז ווייל דורך דעם וואָס מ'איז אים משבח, העלפט מען אים אַרויס אין **זיין עבודה**. דערפאַר איז דוקא אין פרשת נח וואו עס ווערט דערציילט וועגן די **עבודה** פון נח "נח איש צדיק תמים היה בדורותיו", פּאַסט צו משבח זיין נח. אָבער אין פרשת בראשית וואו עס רעדט זיך וועגן די חן וואָס נח האָט געהאַט פון דער אויבערשטער "ונח מצא חן בעיני ה'", ניט אַזויפיל פאַרבונדן מיט **זיין** אייגענע עבודה[6], פּאַסט ניט דאָרט צו משבח זיין נח.

און דערפאַר שטייט די שבח פון נח דוקא אין פרשת נח, ווייל דאָרט רעדט זיך וועגן זיינע מעשים טובים, און דער אויפטו פון דערציילן בשבחו איז אַז ס'זאָל אים העלפן צו טאָן מער מעשים טובים.

---

**ההוראה:** אַ איד דאַרף משתדל זיין צו זעהן די גוטסקייט פון אַ צווייטן אידן און צו ריידן וועגן זיינע מעלות און שבחים. דורך דעם טוט מען אויף אַז זיין גוטסקייט זאָל אַרויסקומען נאָך מער בגילוי, און עס העלפט אים איז זיין עבודת ה'[7].

---

6. וואָס דערפאַר שטייט "ונח **מצא** חן בעיני ה'" - אין א אופן פון מציאה, פון דעם אויבערשטן.

7. לקוטי שיחות חלק ה ע' 44. וראה לקוטי שיחות חלק כ"ז ע' 163.

ספר ברה מינע.indd 15 06/08/2008 20:31:41

# פרשת לך לך

אין אָנהויב פון פרשת לך לך לערנען מיר וועגן דעם ציווי וואָס דער אויבערשטער האָט אָנגעזאָגט אברהם אבינו "לך לך מארצך ממולדתך ומבית אביך אל הארץ אשר אראך" - אַז אברהם אבינו זאָל אַוועקגיין פון זיין לאַנד, פון די הויז פון זיינע עלטערן צו דער לאַנד וואָס דער אויבערשטער וועט אים אָנווייזן.

**השאלה:** ווי באַוואוסט, האָט אברהם אבינו שוין אין זיינע יונגע יאָרן זיך אויסגעצייכענט פון אַלע אַנדערע מענטשן אין זיין דור. ווי חז"ל דערציילן[8]: אַז "בן שלש שנים הכיר אברהם את בוראו" - זייענדיק נאָר דריי יאָר אַלט האָט אברהם שוין אַנערקענט דעם אויבערשטן. אברהם האָט אויך מפרסם געווען וועגן דעם אויבערשטן צו די גאַנצע וועלט, און האָט אַפילו אויף דעם זיך מוסר נפש געווען אין אור כשדים, ווען דער מלך האָט אים געוואָלט הרג'ענען[9].

אויב אַזוי, האָט די תורה לכאורה געדאַרפט אונז פריער דערציילן וועגן די גרויסקייט פון אברהם אבינו, וועגן זיינע מעלות און צדקות, און ערשט דערנאָך אונז דערציילן ווי דער אויבערשטער האָט אים אויסגעקליבן און אָנגעזאָגט "לך לך". ובפרט אַז בפשטות האָט ער זוכה געווען צום אָנזאָג פון "לך לך" צוליב זיין אויפפירונג און צדקות. פונדעסטוועגן, געפינט מען ניט אַז די תורה זאָל דערמאָנען (אַפילו ניט בקיצור) וועגן די גרויסקייט פון אברהם אבינו פאַר'ן ציווי פון "לך לך מארצך" (ווי מ'געפינט באַ נח, אַז איידער דער אויבערשטער האָט

8. גמרא נדרים לב, א. מדרש רבה, בראשית פס"ד, ד. פצ"ה, ג. אדער לויט אנדערע גירסאות "בן ארבעים שנה הכיר את בוראו" - מדרש רבה שם. רמב"ם שם.

9. ווי דער רמב"ם דערציילט אין הלכות עבודה זרה פרק א הלכה ג.

אים אָנגעזאָגט וועגן די מבול, דערציילט אונז די תורה אַז "נח איש צדיק תמים הי' בדורותיו")?

**הביאור:** אברהם אבינו איז דאָך געווען דער ערשטע איד - "אחד הי' אברהם". ווען און מיט וואָס האָט דער אויבערשטער אים אויסגעקליבן און געמאַכט אַנדערש פון אַלע אַנדערע פעלקער? איז דאָס געווען אין אָנהויב פון אונזער פרשה, ווען דער אויבערשטער האָט אים אָנגעזאָגט: "לך לך מארצך". און אין דעם באַשטייט די אמת'ע גרויסקייט און אויסגעטיילטקייט פון אברהם אבינו.

דער חילוק צווישן אברהם אבינו און די אַנדערע אומות העולם, איז:

ווען איינער פון די אַנדערע פעלקער וויל זיך דערנענטערן צום אויבערשטן איז דאָס פאַרבונדן מיט זיין פאַרשטאַנד, מיט זיינע מעשים. ביי אברהם אבינו, און במילא אויך ביי אַלע אידן, איז אונזער פאַרבונד מיט'ן אויבערשטן ניט מיט **אונזער** כח, **אונזער** פאַרשטאַנד; נאָר צוליב דעם וואָס **דער אויבערשטער** האָט אונז אויסגעקליבן און האָט אונז דערנענטערט צו אים.

וויבאַלד אַז אונזער פאַרבונד מיט ה' קומט מלמעלה, פון ה' אַליין, במילא איז אונזער שייכות און קשר צום אויבערשטן נישט געבויט - און במילא נישט מוגבל - לויט אונזער מענטשליכע פאַרשטאַנד און מעשים, נאָר לויט אַ ג-טליכן אופן, וואָס איז גאָר העכער און גרעסער אָן אַ מאָס ווי מיט אונזער אייגענע כח און פאַרשטאַנד.

לויט דעם קען מען פאַרשטיין די חילוק צווישן די שבע מצוות בני נח און די תרי"ג מצות התורה, וואָס דער אונטערשייד איז ניט נאָר אין צאָל (זיבן אָדער זעקס הונדערט און דרייצן) נאָר אין זייער גאַנצער ציל און תכלית:

די שבע מצות זיינען געגעבן געוואָרען צו די בני נח מערניט כדי צו פאַרזיכערן ישוב העולם - אַז מען זאָל קענען לעבן אויף דער וועלט בשלום[10]. די תרי"ג מצות התורה אָבער זיינען געגעבן געוואָרן צו אונז נישט נאָר אויף צו אונז אויסאיידעלען, נאָר צו אונז פאַרבינדן מיט ה' (ווי באַוואוסט איז דער וואָרט "מצוה" פון לשון "צוותא", אַ פארבונד[11]). און דער פאַרבונד מיט'ן אויבערשטן וואָס ווערט אויפגעטאָן (ניט דורך אונז, נאָר) דורך דער אויבערשטער אַליין איז גאָר אויף אַן אַנדער אופן ווי אויב מ'וואָלט זיך פאַרבונדן אַליין, מיט אונזער כח, צו אים.

אין דעם באַשטייט די מעלה און די אויסגעטיילטקייט פון אברהם אבינו און פון יעדן אידן. אונזער פאַרבונד מיט'ן אויבערשטן איז ניט געוואָרען צוליב אונזערע מעשים טובים אָדער אונזער צדקות, נאָר צוליב דעם וואָס דער אויבערשטער האָט אונז אויסגעקליבן - "ובנו בחרת מכל העמים".

לויט דעם קען מען פאַרשטיין פאַרוואָס די תורה דערמאָנט ניט וועגן די גרויסקייט און צדקות פון אברהם אבינו איידער דער ציווי פון ה' "לך לך מארצך". ווייל זיין אמת'ע מעלה און אויסגעטיילטקייט פון אַנדערע פעלקער (דאָס וואָס האָט אים געמאַכט דער "אחד הי' אברהם"), איז ניט געווען צוליב **זיין אייגענע** פרעזענלעכע צדקות אָדער מעשים טובים, נאָר דאָס וואָס דער **אויבערשטער** האָט זיך פארבונדן מיט אים און אים אָנגעזאָגט "לך לך מארצך".

---

10. און דעריבער זיינען די שבע מצות בני נח מצות וועלכע מען קען פארשטיין אין מענטשליכע שכל.

11. זע לקוטי תורה פרשת בחוקותי מה, ג.

ספר הרב מינץ.indd 18 06/08/2008 20:31:42

**ההוראה:** מען וואָלט געקענט מיינען אַז פריער דאַרף אַ איד לערנען וועגן אידישקייט, גוט פאַרשטיין די הלכות און דער תוכן פון יעדער מצוה, און ערשט דערנאָך קען ער אָנהויבן מקיים זיין די מצוות בפועל. לערנט מען פון אונזער פרשה אַז דער יסוד פון אונזער פאַרבונד מיט'ן אויבערשטן איז צו טאָן, צו אויספירן בפועל דער ציווי ה'. מען דאַרף טאַקע האָרעווען און פאַרשטיין תורה, אָבער דער יסוד העבודה פון אַ אידן איז קבלת עול מלכות שמים, צו פאָלגן דעם אָנזאג פון אויבערשטן (צו מקדים זיין דעם "נעשה" פאַר'ן "נשמע"). דורכדעם ווערן מיר אויסגעטיילט פון אַלע אומות העולם, און דוקא דורך דעם פאַרבינדן מיר זיך מיט'ן אויבערשטן[12].

12. לקוטי שיחות חלק כה ע' 47

ספר הרב מינץ.indd 19 06/08/2008 20:31:42

# פרשת וירא

פרשת וירא הויבט זיך אָן מיט "וירא ה' אל אברהם" אַז דער אויבערשטער האָט זיך באַוויזן און אַנטפּלעקט צו אברהם אבינו, נאָך דעם ווי ער האָט מקיים געווען די מצוה פון ברית מילה. דער פסוק דערציילט אונז אַז "וירא אליו אברהם" איז געווען "באלוני ממרא". פאַרוואָס האָט זיך דער אויבערשטער אַנטפּלעקט צו אברהם אבינו אין אלוני ממרא? און פאַרוואָס איז וויכטיג אַז דער פסוק זאָל אונז דערציילן **וואו** דאָס איז געווען?

אין אָנהויב אונזער פרשה ערקלערט רש"י, פון מדרש: "הוא שנתן לו עצה על המילה" - ממרא איז געווען דער וואָס האָט געגעבן אברהם'ן דעם עצה צו זיך מל'ן; "לפיכך נגלה עליו בחלקו" - דערפאַר האָט זיך דער אויבערשטער באַוויזן און אַנטפּלעקט צו אברהם אין ממרא'ס חלק פון לאַנד.

**השאלה:** פרעגן מפרשים: פאַרוואָס האָט אברהם אבינו געדאַרפט נעמען אַן עצה פון אַ גוי בשעת דער אויבערשטער אַליין האָט אים געזאָגט צו עס טאָן[13]?

**הביאור:** ווי עס איז באַוואוסט, דער גאַנצער ציל און תכלית פון דער וועלט איז כדי אַז מען זאָל דערפון מאַכן אַ "דירה לו יתברך **בתחתונים**"

13. די מפרשים ענטפערן על דרך הפשט אז עס מיינט ניט צו זאָגן אַז ממרא האָט געגעבן די עצה וועגן די מצוה אַליין און אַז אָן ממרא וואָלט ער ניט מקיים געווען די מצוה. נאָר אַז ער האָט אים געגעבן די עצה צו גלייך מקיים זיין די מצוה און נישט וואַרטן (שפתי חכמים). אָדער ווי אַנדערע מפרשים זיינען מסביר אַז ער האָט אים געגעבן די עצה אויף צו מקיים זיין די מצוה בפרסום, אַז אַלע זאָלן וויסן דערפון (דעת זקנים מבעלי התוספות).

- אַ וואוינונגס אָרט פאַר'ן אויבערשטן, אַז עס זאָל זיין גילוי אלקות אין די גאַנצע וועלט.

ווען אברהם אבינו, דער ערשטער איד, האָט זיך געגרייט אויף צו מקיים זיין די ערשטע מצוה וואָס דער אויבערשטער האָט אים אָנגעזאָגט (וואָס דאָס איז דער יסוד פון קיום המצות וואָס וועט פאָרקומען שפעטער דורך בני ישראל), האָט ער געוואָלט אַז די מצוה זאָל דורכנעמען ביז די גאָר נידעריקסטע חלק פון וועלט, און דערביי פאַרזיכערן דעם "דירה לו יתברך **בתחתונים**".

דערפאָר האָט אברהם אבינו דורכגערעדט וועגן דעם מצוה מיט ממרא, כדי צו פאַרזיכערן זיין הסכמה. ווען אברהם האָט מצליח געווען צו פועל זיין אַפילו ביי אַ ניט-איד, אַז אויך ער זאָל מסכים זיין אויף מקיים זיין רצון ה', ביז אַז "הוא שנתן לו עצה על המילה", איז ער געווען צופרידן אַז דער מצוה נעמט אַדורך אויך די "תחתונים", כדי צו אַראָפּברענגען אַ גילוי אלקות אין עולם הזה הגשמי.

דערפאַר זאָגט דער פסוק: "וירא ה' באלוני ממרא", אַז דורך דעם וואָס אברהם האָט געקראָגן די הסכמה פון ממרא כדי צו פאַרזיכערן אַ "דירה לו יתברך בתחתונים", האָט זיך דער אויבערשטער באַוויזן צו אברהם דאָרט אין "אלוני ממרא".

• • •

דער ענין מיט וועלכע אונזער פרשה הויבט זיך אָן, זאָגט זיך אויך ארויס אין דער סיום הפרשה:

פרשת וירא ענדיקט זיך מיט די ווערטער: "ותלד גם היא . . ואת מעכה". דער לעצטער וואָרט "מעכה" איז די ראשי-תיבות "**מ**לך **ע**ל **כ**ל **ה**ארץ". דאָס באַדייט אַז די מלכות פון דעם אויבערשטן נעמט אַדורך די גאַנצע וועלט, כולל אויך די גאָר נידעריקסטע חלקים פון וועלט - "דירה לו יתברך בתחתונים".

**ההוראה:** ווען אַ איד גרייט זיך צו מקיים זיין אַ מצוה זאָל ער טראַכטן ווי קען דער מצוה געטאָן ווערן אין אַן אופן אַז עס זאָל ברענגען וואָס מער צו אַ "דירה לו יתברך בתחתונים". אַ איד זאָל זיך נישט (אַלעמאָל) אָפשיידן פון גשמיות'דיקע זאַכן, נאָר זיי אויסנוצן ווען מעגליך פאַר רוחניות, כדי צו אַראָפּברענגען ג-טליכקייט וואָס מער אין גשמיות העולם און אויספירן די כוונה פון בריאת העולם וואס וועט זיך אויספירן בשלימות ווען משיח וועט קומען במהרה בימינו ממש[14].

14. ספר השיחות ה'תש"נ חלק א ע' 115.

# פרשת חיי שרה

אין אָנהויב פון הײנטיקע פרשה שטײט: "ויהיו חיי שרה מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים שני חיי שרה" - אַז שרה האָט געלעבט הונדערט זיבן און צוואַנציק יאָר. איז רש"י מפרש אויף די ווערטער "שני חיי שרה" אַז "כולן שוין לטובה" - אַז אַלע אירע יאָרן זײַנען געווען גלײַך אין איר גוטס און צדקות. פונקט ווי זי איז געווען אַ צדקנית אין אירע עלטערע יאָרן אַזוי איז זי אויך געווען אין אירע יונגע יאָרן.

**השאלה:** "תורה" איז דאָך מלשון "הוראה". פון דעם איז פאַרשטאַנדיק אַז פון יעדער ענין אין תורה דאַרף מען אָפּלערנען אַ הוראה אין עבודת ה'. און בפרט ווען די תורה דערציילט אונז וועגן אונזערע אבות און אמהות דאַרף מען דערפון אַרויסנעמען אַן אָנווייזונג אין אונזער לעבן, ווי עס שטייט: "מעשה אבות סימן לבנים" - די מעשה פון די אבות (און אמהות) שטעלן פאָר אַ סימן און נתינת כח פאַר זייערע קינדער, די בני ישראל פון אַלע דורות.

בשעת מען לערנט אין תורה אַז די לעבן פון שרה אמנו איז געווען אַזאַ דערהויבענע לעבן, ביז אַז אַלע אירע יאָרן זײַנען געווען "שוין לטובה", שטעלט זיך די שאלה: ווי איז שייך פאַר אונז צו דערגרייכן אַזאַ הויכע מדריגה אין אונזער עבודת ה'? אַ מענטש קען דאָך אַמאָל נכשל ווערן ח"ו אין אַן עבירה, איז ווי קען דער סיפור אין תורה זײַן אַ הוראה פאַר אונז, אַז אונזערע יאָרן זאָלן זײַן "כולן שוין לטובה"? ווי קען אָט די "מעשה אבות" זײַן אַ "סימן לבנים" אין אונזער לעבן?

ספר מינע.indd 23 06/08/2008 20:31:42

**הביאור:** וועט מען עס פאַרשטיין לויט דעם וואָס חז"ל זאָגן[15] אז ווען א מענטש טוט תשובה (ובפרט די העכסטע דרגה אין תשובה - "תשובה מאהבה") האָט ער דער כח צו בייטן זיין עָבַר, די פאַרגעגאַנגענע יאָרן. דאָס הייסט, אַז דורך תשובה קען מען פאַריכטן און איבערמאַכן די ניט גוטע זאַכן וואָס מען האָט געטאָן, וואָס דאָס טוט אויף אַז זיין גאַנצע לעבן וועלן זיין - "כולן שוין לטובה".

מיט דעם קען מען אויך פאַרשטיין וואָס שטייט אין תניא[16] אַז "כל אדם יכול להיות בינוני בכל עת ובכל שעה" - אַז יעדער מענטש האָט צו יעדער צייט די מעגליכקייט צו זיין אַ בינוני. וואָס לכאורה איז ניט פאַרשטאַנדיק: ווייל אַ בינוני איז דאָך איינער וואָס האָט קיינמאָל אין זיין לעבן ניט עובר געווען אַפילו אויף איין עבירה, און ווערט ניט אָנגערופן אַ רשע אַפילו פאַר איין רגע[17]. איז ווי קען **יעדער** מענטש ווערן אַ בינוני, ווען ער ווייסט דאָך גוט אין האַרצן אַז ער האָט יאָ עובר געווען אויף אַן עבירה?

לויט ווי מ'האָט ערקלערט פריער אַז אויב אַ מענטש טוט תשובה (מאהבה) מעקט עס אָפּ אינגאַנצן די עבירה, און ס'איז אַזוי ווי די עבירה איז בכלל ניט געטאָן געוואָרען, קען יעדער מענטש טאַקע ווערן אַ בינוני.

און דאָס איז "מעשה אבות סימן לבנים" - אַז מיר האָבן די כח (דורך די עבודה פון תשובה (מאהבה)) צו לעבן אונזער לעבן ווי שרה אמנו, אין אַן אופן פון "כולן שוין לטובה".

---

15. יומא פו, סוף עמוד א. זע אויך פירוש רש"י דאָרט ד"ה כאן מאהבה וואָס זאָגט אַז "השב מאהבה נעקר עוונו **מתחלתו**".

16. פרק יד.

17. תניא פרק יב.

**ההוראה:** בשעת אַ איד איז דורגעפאַלן מיט אַן עבירה ח"ו דאַרף ער ניט אַריינפאַלן אין יאוש. נאָר ער דאַרף וויסן אַז "ס'ניטאָ קיין פאַרפאַלן" און ער קען נאָך תשובה טאָן און דערגרייכן גאָר הויכע מדרגות אין עבודת ה'[18].

18. מאמר ד"ה ויהיו חיי שרה ה'תשמ"ה - ספר המאמרים מלוקט חלק ה' עמוד נה ואילך.

ספר הרב נים.indd 25 06/08/2008 20:31:43

# פרשת תולדות

הייַנטיקע פרשה הויבט זיך אָן: "ואלה תולדות יצחק" - און די זייַנען די קינדער פון יצחק. זאָגט אויף דעם דער מדרש[19] אַז "**ו**אלה מוסיף על הראשונים" - וויבאַלד אַז די פרשה הויבט זיך אָן מיט אַ וא"ו (**ו**אלה) איז משמע אַז דאָס איז מוסיף און קומט בהמשך צום פריערדיקן פרשה, "על מה שכתוב למעלה הימנו בני ישמעאל" - וועגן די בני ישמעאל, וועגן וועלכע מיר האָבן געלערנט צום סוף פון פריערדיקן פרשה. "ומי הי' זה?" - און ווער זייַנען זיי? "עשו ובניו שהי' בנו של יצחק" - יצחק'ס זון עשו און זייַנע קינדער.

**השאלה:** ווי קען מען זאָגן אַז די תולדות פון יצחק - וואָס איז געווען איינע פון די גרעסטע צדיקים, די צווייטע פון די אבות - איז געווען בעיקר עשו און זיין קינדער און ניט יעקב אבינו?

**הביאור:** כדי צו פאַרשטיין דעם יחס צווישן יצחק און זיין זון עשו, דאַרף מען פריער פאַרשטיין די ספעציעלע עבודה מיט וואָס יצחק אבינו האָט זיך אויסגעצייכנט.

אין אונזער פרשה לערנען מיר ווי יצחק האָט זיך זייער פאַרנומען מיט חפירת בארות מים, גראָבן אונטער דער ערד כדי צו אָנקומען צו קוואַלען פון וואַסער. ברוחניות מיינט עס אַז יצחק אבינו'ס עבודה איז באַשטאַנען אין "אויסגראָבן" באַהאַלטענע ערטער כדי צו אַנטפּלעקן קדושה.

אַזוי ווי בשעת מען גראָבט פאַר אַ ברונעם וואַסער דאַרף מען פריער

19. מדרש רבה, שמות פ' ל, ג.

ספר הרב מינע.indd 26 06/08/2008 20:31:43

אַוועקנעמען די ערד, שטיינער און זאַמד וואָס פאַרדעקן די מים חיים וואָס געפינט זיך אין די טיפעניש פון דער ערד, אַזוי אויך האָט יצחק געזוכט אַראָפּצונעמען די ערדישקייט און גראָבקייט פון אַ מענטשן און דערביי אים אויסאיידלן, ביז עס זאָל אין אים דערהערט ווערן דער מקור און זיין ג-טליכע חיות (וואָס גיט אים לעבן).

וויבאַלד אַז דאָס איז געווען די עבודה פון יצחק - צו אַנטפּלעקן קדושה אין די נידעריקסטע חלקים פון וועלט, האָט ער געהאַט אַ ספּעציעלע שייכות מיט עשו. ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס עשו איז געווען אַ רשע האָט ער אָבער געהאַט מורא'דיקע מעלות וואָס זיינען געווען באַהאַלטן און יצחק האָט זיי געוואָלט אַנטפּלעקן. דעריבער איז עשו געבליבן אַ ישראל (מומר) און איז געווען אַ יורש פון יצחק[20] (ניט ווי ישמעאל וואָס האָט ניט געהאַט אַ דין "ישראל"[21] און דערפאַר ניט געווען אַ יורש פון אברהם[22]).

• • •

חז"ל זאָגן אַז: "תולדותיהן של צדיקים מעשים טובים" - די אמת'ע תולדות פון צדיקים זיינען זייערע מעשים טובים, זייער עבודת ה'. באַ וועמען האָט זיך מער אויסגעדריקט די "תולדות", די מעשים טובים און עבודת ה' פון יצחק? איז דאָס געווען אין זיין עבודה פון אַנטפּלעקן די באַהאַלטענע מעלות פון זיין זון עשו.

20. ווי דער פסוק זאָגט (דברים ב, ה) "ירושה לעשו נתתי".

21. ווי עס שטייט אין פסוק (וירא כא, יב) "**ביצחק** יקרא לך זרע" - אַז דוקא יצחק איז געווען גערעכנט אַלץ זרע אברהם און ניט ישמעאל (זע תרגום יונתן בן עוזיאל אין פרשת וירא דאָרט און דער פירוש פון רמב"ן אין אָנהויב פון אונזער פרשה).

22. ווי דער פסוק זאגט (וירא כא, י) "לא יירש בן האמה הזאת עם יצחק".

דעריבער זאָגט אונז דער מדרש אַז מיט "ואלה תולדות יצחק" מיינט דער פסוק "עשו ובניו שהי' בנו של יצחק". ווייל אין דעם איז באַשטאַנען די עבודה פון יצחק, אויף צו אויסגראָבען און אַנטפּלעקן זיינע באַהאַלטענע מעלות און אים אויסאיידעלען. יעקב אָבער האָט ניט געדאַרפט אָנקומען צו די עבודה פון יצחק. ווייל יצחק האָט ניט געדאַרפט אַרויסברענגען זיין קדושה; עס איז שוין ארויסגעבראַכט געוואָרען דורך יעקב אליין.

• • •

לויט דעם קען מען פאַרשטיין פאַרוואָס יצחק האָט דוקא געוואָלט בענטשן עשו אַנשטאָט יעקב:

יצחק האָט געוואוסט אַז דער שורש פון עשו'ס נשמה איז גאָר הויך, און אין איר זיינען פאַראַן גאָר הויכע ניצוצות קדושה[23]. וויבאַלד אַז יצחק'ס עבודה איז געווען צו אויסגראָבן און געפינען די "מים חיים" וואָס זיינען באַהאַלטן אין דער טיפעניש פון דער ערד, האָט יצחק געוואָלט אויפגראָבן און אַנטפּלעקן אין עשו די "מים חיים" דורך די ברכות צו עשו[24].

23. ווי די נשמות פון אונקלוס הגר און רבי מאיר (זע תורה אור אונזער פרשה כ, ג).

24. לפועל האָט יצחק געבענטשט יעקב, ווייל עשו איז ניט געווען אַ פּאַסיקע "כלי" אויף צו מקבל זיין די ברכות. אָבער יעקב האָט יע געהאַט די כח אויף צו מברר זיין עשו.

**ההוראה:** אויב עשו הרשע, וואָס איז געווען פאַר מתן תורה, האָט אויף זיך דעם תואר "ישראל" און יצחק האָט געזוכט צו אַנטפלעקן זיינע באַהאַלטענע מעלות - על אחת כמה וכמה נאָך מתן תורה, דאַרף מען זיך אָפּגעבן צו מקרב זיין אַלע אידן, אויך די וואָס זיינען גאָר ווייט פון אידישקייט כדי צו אַנטפּלעקן די "מים חיים" וואָס איז דאָ באַ יעדן אידן.[25]

25. לקוטי שיחות חלק טו ע' 191.

29 ספר ברה מינע.indd 29 06/08/2008 20:31:43

# פרשת ויצא

אין אָנהויב פון פרשת ויצא דערציילט די תורה ווי יעקב איז אַוועק געגאַנגען פון באר שבע און געגאַנגען צו חרן - "ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה".

שטייט אין מדרש[26], און רש"י ברענגט עס אַראָפּ אין אָנהויב פרשה, אַז די סיבה פאַרוואָס די תורה שרייבט "ויצא יעקב" און ניט "וילך יעקב" איז כדי צו אונז לערנען אַז ווען אַ צדיק גייט אַוועק פון אַ שטאָט גייט מיט עם אַוועק די שיינקייט פון שטאָט - "פנה הודה פנה זיווה פנה הדרה".

**השאלה:** דאַרף מען פאַרשטיין: כאָטש יעקב איז טאַקע אַרויס געגאַנגען פון באר שבע, זיינען דאָך אָבער יצחק און רבקה געבליבן אין שטאָט. אויב אַזוי פאַרוואָס איז די שיינקייט פון שטאָט אַוועק, און נישט געבליבן אין שטאָט צוליב יצחק און רבקה?

דער מדרש ברענגט די שאלה און ענפערט אַז "אינו דומה זכותו של צדיק אחד לזכותם של שני צדיקים" - אַז מ'קען ניט צוגלייכן די זכות פון איין צדיק צו די זכות פון צוויי צדיקים. רש"י ברענגט אָבער ניט די שאלה און ניט די ענטפער פון מדרש. דערפון איז משמע אַז רש"י האַט געהאַט אַן אַנדער אופן ווי צו פאַרענטפערן די שאלה.

**הביאור:** צו ענטפערן די שאלה דאַרף מען קוקן אין די ווערטער וואָס רש"י נוצט און די ווערטער וואָס דער מדרש נוצט. דער מדרש זאָגט "פנה זיווה פנה הדרה" . רש"י איז אָבער מוסיף "הודה" - "פנה הודה

26. מדרש רבה, בראשית פ' סח, ו.

פנה זיווה פנה הדרה". און ניט נאָר איז ער עס מוסיף, נאָר ער לייגט "הודה" פאַר "זיווה" און "הדרה".

אין וואָס באַשטייט די חילוק צווישן "הוד", "זיו" און "הדר"?

"הדר" און "זיו" זיינען פאַרבונדן מיט כבוד און שיינקייט וואָס קומט צו צום שטאָט צוליב דער צדיק וואָס וואוינט אין איר[27]. אין אונזער פאַל מיינט עס אַז ווען יעקב האָט געוואוינט אין באר שבע, איז צוגעקומען כבוד און חשיבות צום שטאָט. אַזוי אויך זעט מען ביי "זיו" אַזוי ווי "זיו השמש" - די ליכטיקייט וואָס קומט פון די זון. און אין אונזער פאַל מיינט עס אַז ווען יעקב האָט געוואוינט אין באר שבע האָט זיין צדקות און זיינע זכותים געמאַכט ליכטיק אין שטאָט.

אָבער "הוד" מיינט ניט נאָר אַז די ליכטיקייט שיינט, נאָר אַז זי טוט אויף און פועל'ט אַן ענדערונג אויף די וועלכע באַקומען פון די "הוד", פון די ליכטיקייט. אַזוי ווי מיר געפינען ביי משה רבנו ווען ער איז אַראָפּגעקומען פון באַרג סיני האָבן די אידן נישט געוואָלט זיך דערנענטערן צו משה ווייל זיין פנים האָט געשיינט מיט "קרני **הוד**". די הוד האָט גע'פועל'ט אַ יראה און פחד ביי די בני ישראל ביז אַז "ויראו מגשת אליו" - זיי האָבן מורא געהאַט צו זיך דערנענטערן צו עם. זעט מען אַז "הוד" מיינט ניט נאָר עפעס וואָס ברענגט כבוד און שיינקייט צום שטאָט, נאָר עס איז גורם אַ שינוי ביי די מענטשן פון שטאָט. אין אונזער פאַל מיינט עס אַז ווען אַ צדיק איז אין אַ שטאָט (נוסף צו די חשיבות און ליכטיקייט וואָס ער ברענגט צום שטאָט) איז ער אויך משפיע אויף די אויפפירונג פון די מענטשן פון שטאָט.

לויט דעם קען מען פאַרשטיין דער חילוק צווישן דאָס וואָס דער

27. ווי מ'זעט ביי "הדר" ווי עס שטייט אין פסוק (קדושים יט, לב) "והדרת פני זקן", וואָס "הדרת" מיינט בפשטות אַ לשון פון כבוד.

מדרש זאָגט און דאָס וואָס רש"י איז מוסיף:

לויט רש"י (וואָס איז מוסיף דעם וואָרט "הוד") איז דאָס פאַרבונדן מיט די השפעה וואָס אַ צדיק האָט זייענדיק אין אַ שטאָט און ווי ער איז מדריך די מענטשן פון שטאָט צו פאַרבעסערן זייער הנהגה[28]. לויט דער מדרש אָבער (וואָס שרייבט בלויז וועגן "זיו" און "הדר") איז דאָס פאַרבונדן מערניט מיט דער כבוד, חשיבות און זכותים וואָס אַ שטאָט האָט צוליב דער צדיק וואָס געפינט זיך אין איר.

• • •

דערמיט קען מען פאַרשטיין ווי דער מדרש און רש"י לערנען פשט אין פסוק און ווי זיי זיינען מסביר דער חילוק צווישן יצחק און יעקב:

לויט'ן מדרש איז פשוט אַז סיי יצחק און סיי יעקב האָבןביידע צוגעגעבן כבוד און חשיבות צום שטאָט. בשעת ביידע האָבן זיך געפונען אין שטאָט איז צוגעקומען מער כבוד און חשיבות, און ווען יעקב איז אַוועק פון שטאָט איז אַוועקגענומען געוואָרען אַ חלק פון דעם כבוד און חשיבות, ווייל "אינו דומה זכותו של צדיק אחד לזכותם של שני צדיקים".

אָבער לויט רש"י וואָס לערנט אַז אונזער פסוק רעדט בעיקר וועגן די "הוד", די השפעה וואָס איז צוגעקומען צום שטאָט צוליב אַ צדיק, איז

28. דער סיבה פאַרוואָס רש"י לערנט ניט ווי דער מדרש איז ווייל דאָס וואָס די זכותים פון אַ צדיק באַשיצט זיין שטאָט ווייסן מיר שוין פון פריער אין תורה (וירא יח, כו) אַז אין זכות פון צדיקים וואָלטן די מענשטן פון סדום געראַטעוועט געוואָרען. דעריבער, אויב אונזער פסוק קומט צו אונז לאָזן וויסן דער זעלבער זאַך קען רש"י ניט שרייבן "**מגיד** שיציאת צדיק מן העיר עושה רושם" - ווייל מיר ווייסן דאָס שוין פון פריער.

טאַקע דאָ אַ אונטערשייד צווישן יצחק און יעקב:

יצחק אין זיין עלטער האָט שוין מער ניט געקענט משפיע זיין אויף די הנהגה פון די מענטשן פון שטאָט אַזוי ווי יעקב. ווי רש"י שרייבט[29] אין אונזער פרשה וועגן יצחק אַז "כהו עיניו וכלוא בבית והרי הוא מת" - ער האָט ניט געקענט זען און געבליבן אין שטוב ווי אַ מענטש וואָס לעבט שוין ניט. איז פאַרשטאַנדיק אַז כאָטש ער האָט נאָך אַלץ צוגעגעבן צום חשיבות און כבוד פון שטאָט, אַבער קיין השפעה האָט ער שוין ניט געקענט האָבן.

(אַזוי אויך האָט רבקה ניט געקענט משפיע זיין אויף די מענטשן פון שטאָט[30] זייענדיק זייער פאַרנומען מיט איר מאַן, יצחק; זי האָט זיך גערדאַרפט אַלעמאָל געפינען לעבן עם כדי צו אַרויסהעלפן מיט זיינע באַדערפענישן).

אָבער בשעת יעקב האָט זיך געפונען אין באר שבע, איז נוסף אויף דער כבוד און חשיבות וואָס איז צוגעקומען צום שטאָט, האָט ער משפיע געווען אויף די הנהגה פון די מענטשן פון שטאָט.

דעריבער שרייבט רש"י אַז בשעת "ויצא יעקב מבאר שבע", איז "פנה (ניט נאָר "זיווה" און "הדרה" פון שטאָט, נאָר אויך) **הודה**".

---

**ההוראה:** דער אור החיים הקדוש זאָגט[31] אַז "ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה" איז אַ רמז אויפ'ן נשמה וואָס קומט אַראָפּ אויף דער וועלט כדי צו דינען דעם אויבערשטן זייענדיק אין אַ גוף. לערנט אונז רש"י אַז דאָס וואָס די נשמה קומט אַראָפּ אויף דער

29. פירוש רש"י כח, יג.

30. נוסף אויף דער טעם פון צניעות - "כל כבודה בת מלך פנימה" (תהלים מה, יד).

31. אין אונזער פרשה כח, יד.

ספר ברה מינע.indd 33 06/08/2008 20:31:43

וועלט "עושה רושם" מאַכט עס אַ גרויסע רושם למעלה, און אין דעם זכות אַליין איז יעדער איד ראוי צו אומקערן אַהיים אין דער גאולה האמיתית והשלימה תיכף ומיד ממש[32].

32. לקוטי שיחות חלק לה ע' 119.

# פרשת וישלח

אין אָנפאַנג פון הײנטיקע פרשה רעדט די תורה װעגן דעם װאָס יעקב האָט געשיקט מלאכים צו עשו. װי עס שטײט אין פסוק: "וישלח יעקב מלאכים". רש"י איז מפרש: "מלאכים ממש" - עס מײנט צו זאָגן אַז די מלאכים װאָס יעקב האָט געשיקט צו עשו זײנען געװען "מלאכים ממש" און ניט מענטשן.

דער מעזריטשער מגיד איז מפרש אויף דעם װאָס רש"י זאָגט "מלאכים ממש": אַז יעקב האָט געשיקט נאָר די "ממש" פון די מלאכים, דאָס הײסט נאָר די גוף פון די מלאכים, אָבער די רוחניות פון די מלאכים איז געבליבן מיט יעקב.

**השאלה:** דאַרף מען פאַרשטײן: די גאַנצע טעם װאָס יעקב האָט געשיקט צו עשו "מלאכים" און ניט מענטשן, איז געװען צוליב דעם װאָס דער שליחות איז געװען כדי צו פאַריכטן און אויפהויבן עשו. אויב אַזוי האָט יעקב געדאַרפט שיקן אויך די רוחניות פון די מלאכים װאָס האָט מער אַ שײכות צו קענען פועל זײן אויף עשו.

אויך איז ניט פאַרשטאַנדיק: אויב בײ מענטשן און בהמות איז עס ניט שײך אַז דער גוף קען לעבן אָן אַ נשמה, בײ מלאכים װאָס זײ זײנען בעיקר רוחניים, װי איז שײך אַז נאָר זײערע גופים זײנען געשיקט געװאָרען צו עשו און ניט זײער נשמה.

**הביאור:** דאָס װאָס דער מעזריטשער מגיד זאָגט אַז יעקב האָט נאָר געשיקט די "ממש" פון די מלאכים צו עשו, מײנט דאָס ניט אָן זײערע

נשמות, נאָר עס מיינט אַז אפילו ווען די מלאכים זיינען געגאנגען צו עשו, און זייענדיק ביי עשו, זיינען זיי געווען נאָכאַלץ צוגעבונדען צו יעקב; עס איז געווען **אזוי ווי** זייער נשמה איז געבליבן ביי יעקב, ווייל זיי האבן געפילט אז זייער אמת'ע פלאץ איז ניט ביי עשו, נאר ביי יעקב. דאס וואס זיי זיינען געווען ביי עשו איז געווען מערניט אויף צו אויספירן די שליחות פון יעקב.

קומט אויס אז דער פירוש פון דער מעזריטשער מגיד ערקלערט די פירוש פון רש"י (און עס איז ניט פאראַרן קיין סתירה צווישן זיי):

דאס וואס יעקב האט געקענט שיקן צו עשו "מלאכים ממש" צו קענען אויספירן זייער שליחות, איז געווען נאר ווייל זייענדיק דארט זיינען זיי געווען נאָכאַלץ צוגעבונדען צו יעקב. ביז עס איז געווען אזוי ווי די איינציגע זאַך וואָס ער האָט געשיקט איז געווען נאָר די "ממש" פון די מלאכים, אָבער בנפשם זיינען זיי געווען נאָכאַלץ צוגעבונדען מיט יעקב.

---

**ההוראה:** די אָפּלערנונג פון דעם איז: כדי אַז עס זאָל זיין מעגלעך פאַר אַ איד צו קענען אויפטאן אין וועלט, אויף צו אויפהויבן דער גשמיות'דיקע וועלט (עשו), דארף מען זיין צוגעבונדען צו יעקב (צו דער נשיא הדור - **ניצוצו של יעקב אבינו**)[33].

33. על-פי לקוטי שיחות חלק יו"ד ע' 100.

# פרשת וישב

היינטיקע פרשה הויבט זיך אָן מיט "וישב יעקב בארץ מגורי אביו בארץ כנען" - אַז יעקב האָט זיך באַזעצט אין ארץ כנען. רש"י ערקלערט וואָס מיינט דער פסוק מיט "וישב יעקב"? און איז מפרש: "ביקש יעקב לישב בשלוה" - יעקב האָט געוואָלט זיך אָפּרוען פון אַלע זיינע צרות וואָס ער האָט געהאַט; "קפץ עליו רוגזו של יוסף" - איז פאָרגעקומען דער מעשה פון יוסף וואָס האָט עם געבראַכט פיל צער און עגמת נפש. און ווי די מפרשים זיינען מסביר: אַז **צוליב** דעם וואָס יעקב האט געוואָלט (און געבעטן ביים אויבערשטן ער זאָל קענען סוף כל סוף זיך) אָפּרוען, דערפאַר איז "קפץ עליו רוגזו של יוסף".

**השאלה:** ס'איז ידוע אַז אין דעם נאָמען פון אַ פרשה איז מרומז דער גאַנצער אינהאַלט פון דעם פרשה[34]. שטעלט זיך די שאלה: דער וואָרט "וישב" מיינט דאך "התיישבות", זיך באַזעצן אין אַ רוהיק'ן אופן. ווי שטימט דער תוכן (אינהאַלט) פון אונזער פרשה, וואָס רעדט זיך וועגן די גאָר ביטערע יאָרן פון יעקב'ן (ווען יוסף איז געווען אָפּגעשיידט פון עם) מיטן נאמען פון פרשה, "וישב"?

אויך דאַרף מען פאַרשטיין: יעקב איז דאָך געווען אַ צדיק, און אַ צדיק איז דאָך ניט שייך צו זינדיקן. אויב אַזוי, ווי קומט עס אַז בשעת יעקב אבינו האָט געבעטן פאַר מנוחה, נישט נאָר האָט אים דער אויבערשטער אים ניט געגעבן מנוחה, נאָר אדרבה ער האָט אים גאָר באַשטראָפט?

34. זע לקוטי שיחות חלק ה ע' 75.

ספר הרב מינע.indd 37 06/08/2008 20:31:44

**הביאור:** וויבאַלד אז יעקב האָט געבעטן צו לעבן במנוחה, מוז מען זאָגן אַז ס'איז געווען אַ ריכטיגע בקשה. אויב אַזוי דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס איז צוליב דעם געוואָרען דער "קפץ עליו רוגזו של יוסף". וואָס ניט נאָר האָט דער אויבערשטער ניט ערפילט זיין בקשה, נאָר גאָר פאַרקערט?

דאַרף מען זאָגן אַז ווען אַ צדיק ווי יעקב אבינו בעט פאַר "שלוה" און "מנוחה", מיינט ער ניט (נאָר) "מנוחה" בפשטות אין אַ גשמיות'דיקן אופן, נאָר "מנוחה" און "שלוה" אין זיין עבודת ה'. כדי צו קענען דינען דעם אויבערשטן אויף אַ העכערע און דערהויבענע דרגא.

אָט דער וואונטש פון יעקב האָט דער אויבערשטער טאַקע ערפילט:

בשעת אַ מענטש געפינט זיך אין אַ מצב פון צער און עגמת נפש, ווערט ער מער אויסגעאיידלט, מער דערהויבן אין זיין עבודת ה'. אַזוי אויך דאָ, כדי אז יעקב אבינו זאָל קענען דערגרייכן גאָר אַ הויכע דרגא אין זיין עבודת ה', מיט אַן אמת'ן "מנוחה" און "שלוה" ווי עס פּאַסט פאַר אַ צדיק, האָט אים דער אויבערשטער געבראַכט צו אַ מצב פון גרויס צער און עגמת נפש. די טיפע צער האָט אים נאָכמער אויסגעאיידלט און מזכך געווען, און דורכדעם האָט ער געהאַט די מעגליכקייט צו זיך דערהויבן נאָך מער אין זיין עבודת ה'.

און וויבאַלד אַז די צרות וועגן וועלכע מיר לערנען אין אונזער פרשה, האָבן אים נאָכמער אויסגעאיידלט און דערהויבן אין זיין עבודת ה', האָט יעקב טאַקע זוכה געווען "לישב בשלוה" בפשטות ווי מ'זעט אויספירלעך אין פרשת ויחי, אַז "ויחי יעקב בארץ מצרים שבע עשרה שנה" - יעקב אבינו'ס בעסטע יאָרן זיינען געווען נאָך (און דורך) די

צער און עגמת נפש פון יוסף.

דעריבער איז דער פרשה אָנגערופן געוואָרן מיט'ן נאָמען "וישב". ווייל אָט די צרות וואס רעדט זיך אין אונזער פרשה זיינען געווען אַ הכנה און הקדמה ער זאָל קענען צוקומען צום אמת'ן "שלוה" - "ויחי יעקב". דערפאַר איז גלייך ווען "וישב יעקב", יעקב אבינו האָט געוואָלט זיך באַזעצן רוהיק, איז "קפץ עליו רוגזו של יוסף" ער זאָל קענען דינען דעם אויבערשטן אויף נאָך א העכערע אופן ווי פאַר דעם[35] - און מיט דערגרייכען דעם אמת'ן "לישב בשלוה".

**ההוראה:** מ'זעט דאָך אַז דער אויבערשטער האָט נישט געגעבן יעקב די מעגליכקייט צו זיך דערהויבן נאָך מער אין זיין עבודת ה', ביז ער האָט פאַר דעם געבעטן און געמאָנט - "ביקש יעקב". פון דעם לערנען מיר גאָר אַ געוואַלדיקע הוראה פאַר אונזער צייט:

דער אויבערשטער וואַרט אַז מיר זאָלן בעטן און מאָנען פאַר די גאולה. ווי חז"ל זאָגן[36] אין נאָמען פון רבי שמעון בר יוחאי אַז די טויזענטע אידן וועלכע זיינען אומגעקומען ר"ל (אין מלחמה) אין צייט פון דוד המלך איז עס ווייל זיי האָבן ניט געמאָנט אַז מען זאָל בויען דעם בית המקדש. דערפאַר האָבן "חסידים הראשונים" מתקן געווען אַז מ'זאָל בעטן און מאָנען פאר משיח און די גאולה יעדן טאָג סיי אין דאַווענען און סיי אין ברכת המזון,

35. דאָס וואָס די פילע צרות און עגמת נפש וואָס יעקב האָט דורך געלעבט אין זיינע פריערדיקע יאָרן (מיט לבן, עשו און דינה) איז ניט געווען גענוג, איז ווייל דער אויבערשטער האָט אים געוואָלט מזכה זיין צו נאָך אַ העכער'ן אופן אין עבודת ה' - זע דעם ביאור אויספירלעך אין מקור, אין לקוטי שיחות.

36. מדרש תהלים מזמור יז

ווי עס ווערט געבראַכט אין הלכה[37].

און וועגן דעם וואָס יעקב האָט געדאַרפט אָנקומען צו צרות און עגמת נפש כדי אַז דער אויבערשטער זאָל ערפילן זיין בקשה, האָבן מיר שוין אַדורך אין אונזער צייט פיל גזירות און צרות, ספעציעל אין אונזער דור וואָס אַזוי פיל אידן זיינען אומגעקומען על קידוש ה', זיינען מיר זיכער ראוי אַז אונזער בקשה זאָל ערפילט ווערן. און אַז מיר וועלן בעטן ווי ס'דאַרף צו זיין, וועט גלייך מקויים ווערן "ותחזינה עינינו בשובך לציון" במנוחה ושלוה בפועל ממש[38].

37. בית יוסף אורח חיים סימן קפת.

38. לקוטי שיחות חלק ל ע' 671.

ספר ברה נים.indd 40 06/08/2008 20:31:44

# פרשת מקץ

אין אָנהויב פון היינטיקע פרשה ווערט דערציילט וועגן די צוויי חלומות פון פרעה: א. וועגן די זיבן געזונטע פָּרות (קי) און די זיבן מאָגערע פָּרות, און נאָכדעם ב. וועגן די זיבן געזונטע שבלים (זַיינגען) און די זיבן צוקלאַפּטע שבלים.

אין די פריעדיקע פרשה זעהט מען אויך וועגן חלומות, די צוויי חלומות פון יוסף הצדיק: 1) וועגן מאלמים אלומים, ווי ער מיט זיינע ברידער האָבן און זיינע ברידער'ס אלומים זיך געבוקט צו זיין אלומה. און 2) וועגן ווי די זון, לבנה און 11 שטערן בוקן זיך צו אים.

**השאלה:** וואָס איז די חילוק צווישן די חלומות פון פרעה און די חלומות פון יוסף? צווייטנ'ס, וואָס איז די אונטערשייד צווישן די צוויי חלומות פון יוסף אליין? און דריטענ'ס, וואָס קען מען דערפון אָפּלערנען?

**הביאור:** די חלומות ביי יוסף זיינען געווען מיט'ן סדר פון "מעלין בקודש". די ערשטע חלום איז געווען וועגן ערדישע זאַכן, וועגן תבואה, ווי עס שטייט "והנה אנחנו מאלמים אלומים בתוך השדה". די צווייטע חלום איז געווען וועגן זאַכן אין הימל, וועגן די זון, לבנה און שטערן. ווי עס שטייט "השמש והירח ואחד עשר כוכבים", וואָס זיי זיינען עניני שמים. זען מיר אַז בײַ יוסף איז געווען דער סדר פון "מעלין בקודש" - פון גשמיות צו רוחניות.

אָבער די חלומות פון פרעה זיינען געווען מיט אַ פאַרקערטער סדר, אין אַ סדר פון "פוחת והולך":

פרעה'ס ערשטע חלום איז געווען וועגן פָּרות, וועלכע זיינען אין דער מין פון "חי" - לעבעדיקע זאַכן. און די צווייטע חלום איז געווען וועגן שבלים (זיינגען), וועלכע זיינען אין דער מין פון "צומח" - זאַכן וואָס וואַקסן, וואָס איז נידעריקער פון מין "חי" (ווייל ס'האָט אין זיך ווינציקער חיות).

וואָס דאָס איז דער כללות'דיקער חילוק צווישען קדושה און קליפה:

אין קדושה איז די סדר אַלעמאָל "מחיל אל חיל" אין אן אופן פון "מעלין בקודש", צו גיין אַלעמאָל פון גוט צו נאָך בעסער. אָבער אין פאַרקערט פון קדושה, אין קליפה, פאַלט מען אַלעמאָל נידעריקער און נידעריקער.

---

**ההוראה:** כאָטש אַזביידע חלומות האָבן געהאַט איין מיינונג, פונדעסטוועגן די צוויי חלומות ריידען דאָך וועגן צוויי באַזונדערע וועלטן, ווי דערמאָנט פריער. דאָס הייסט אַז אַ איד דאַרף דינען דעם אויבערשטן מיט ביידע וועלטן, אַז ניט נאָר די גשמיות זאָל ניט שטערן אין זיין עבודה, נאָר אַז ער זאָל נוצן די גשמיות אויף צו דינען דעם אויבערשטן.

די ערשטע חלום - "והנה אנחנו מאלמים אלומים בתוך השדה" - ברענגט אַרויס דער ענין פון "עבודה", וואָס מיינט צו זאָגן, אַז אין קדושה איז ניטאָ אַזאַ זאַך פון "אשר נאכל במצרים חנם" (ווי אין מצרים - אין קליפה - וואָס מ'גיט עסן אומזיסט (אָן מצוות)). נאָר יעדער השפעה מלמעלה קומט נאָר דורך "עבודה".

פון דעם צווייטן חלום לערנט מען אָפּ, אַז אַפילו נאָכ'ן עבודה

דאַרף זיין דער ביטול צו דער נשיא הדור, וואָס דאָס איז דער מיינונג פון "ואחד עשר כוכבים **משתחוים** לי", אַז אַפילו ווען מ'האַלט נאָכ'ן "עבודה" דאַרף מען האָבן אַ ביטול פנימי"[39].

39. לקוטי שיחות חלק ג ע' 918.

ספר הרב מינץ.indd 43 06/08/2008 20:31:44

# פרשת ויגש

הייניטיקער פרשה הויבט זיך אָן מיט'ן פסוק: "ויגש אליו יהודה" - אַז יהודה האָט זיך דערנענטערט צו יוסף און באַ אים געמאָנט מיט אַ תקיפות צו באַפרייען זיין ברודער בנימין. זאָגן אויף דעם רז"ל[40] אַז יהודה איז געווען גרייט אויף אַלץ, אַפילו אויף אַ מלחמה מיט יוסף.

**השאלה:** לכאורה דאַרף מען פאַרשטיין: ווי איז יהודה געווען גרייט פאַר אַ מלחמה? יהודה מיט די שבטים זיינען דאָך געווען מער ניט ווי צען מענטשן, און יוסף האָט געהאַט מיט זיך גאַנץ מצרים. איז ווי זיינען די שבטים געווען גרייט צו מלחמה האַלטן מיט גאַנץ מצרים?

כאָטש אַפילו יהודה איז געווען אַ גיבור, זיינען דאָך יוסף מיט זיינע מענטשן געווען גרעסערע גיבורים. ווי דער מדרש דערציילט[41] אַז ווען יהודה האָט געגעבן אַ קלאַפ מיט די פיס האָט זיך גאַנץ מצרים געטרייסלט, האָט יוסף באַוויזן אויך אַזאַ גבורה, ביז אַז יהודה האָט געזאָגט "זה גיבור ממני" - אַז יוסף איז שטאַרקער פון עם. איז ווי זיינען די שבטים געווען גרייט צו מלחמה האַלטן מיט יוסף'ן וואָס איז געווען סיי שטארקער ווי זיי און סיי מערער פאַר זיי?

**הביאור:** נאָר דער טעם אויף דערוף איז: ווייל יהודה האָט אויף זיך אונטערגענומען די אחריות אויף בנימין. ווי ער האָט געזאָגט "כי עבדך ערב את הנער". איז ער געווען גרייט זיך מוסר נפש זיין אַפילו פאַר איין אידישען קינד אויף וועלכן ער האָט גענומען אחריות.

40. מדרש רבה, בראשית פ' צג, ו.

41. דארט צג, ז.

**ההוראה:** די הוראה פון דעם איז, אַז יעדער פאָטער און מוטער וואָס דער אויבערשטער האָט אויף זיי ארויפגעלייגט די אחריות אויף זייערע קינדער, דאַרפן זיך מוסר נפש זיין אַפילו פאַר איין קינד, אַז עס זאל מיט אים ניט פאַסירן וואָס עס דארף ניט פאַסירן מיט אַ אידיש קינד.

און דורך דעם מסירת נפש אויף חינוך הבנים והבנות על טהרת הקודש קומט מען צו די ברכה וואָס איז אין דעם אויספיר פון פרשה "ויפרו וירבו מאד"[42].

42. לקוטי שיחות חלק א ע' 49.

ספר הרב מינע.indd 45 06/08/2008 20:31:44

# פרשת ויחי

עס איז דאָך באַוואוסט אַז אַלע פרשיות אין תורה הויבן זיך אָן ווי אַ נייע און באַזונדערע ענין אין תורה, אָפגעטיילט פון דעם פריערדיקן פרשה, ווי עס ווערט אַרויסגעבראַכט מיט דעם וואָס ס'איז דאָ אַ ריוח אין צווישן. אונזער פרשה - פרשת ויחי - איז אָבער אַ "פרשה סתומה"; דאָס הייסט אַז אין אַ ספר תורה איז ניטאָ קיין ריוח צווישן דעם פריערדיקן פרשה - פרשת ויגש - מיט אונזער פרשה, פרשת ויחי.

פאַרוואָס איז טאַקע פרשת ויחי אַ "פרשה סתומה", אַנדערש פון אַלע אַנדערע פרשיות אין תורה?

אין מדרש[43] ווערט געבראַכט אויף דעם דריי טעמים:

א) אין פרשת ויחי ווערט דערציילט וועגן די פטירה פון יעקב, וואָס נאָך דעם האָט זיך אָנגעהויבן "שעבוד מצרים". דערפאַר איז אונזער פרשה אַ "פרשה סתומה"; צו אַרויסברענגען אַז אין אונזער פרשה האָט זיך אָנגעהויבן די צרות פון גלות מצרים.

ב) אין פרשת ויחי האָט יעקב געוואָלט מגלה זיין די "קץ" (ווען משיח וועט קומען) צו זיינע קינדער און ס'איז פון עם נסתם (פאַרשלאָסן - באַהאַלטן) געוואָרען, דעריבער איז דער אַנהויב פון פרשה - אַ "פרשה סתומה" (אַ פאַרשלאָסענע).

ג) אין דעם פרשה ווערט דערציילט וועגן יעקב'ס לעצטע יאָרן, ווען ער האָט געלעבט אין מצרים, וועלכע זיינען געווען זיינע בעסטע יאָרן.

43. בראשית רבה און מדרש תנחומא אין די אָנפאַנג פון די פרשה

דעריבער איז עס אַ "פרשה סתומה" צו מרמז זיין אַז אין דעם פרשה - "סתם ממנו כל צרות שבעולם", האָט זיך געענדיקט אַלע צרות פון יעקב אבינו.

רש"י ברענט אָבער מערניט ווי די ערשטע צוויי טעמים (צוליב ס'האָט זיך אָנגעהויבן "שעבוד מצרים", און ווייל די "קץ" איז באַהאַלטן געוואָרען פון יעקב אבינו).

**השאלה:** לכאורה דאַרף מען פאַרשטיין: פאַרוואָס ברייגנט ניט רש"י דער דריטער טעם וואָס מיר האָבן פריער דערמאָנט, וואָס לכאורה פאַסט די מערסטע צו "פשוטו של מקרא". ווי ס'שטייט אין סוף פרשת ויגש אַז "ותחי רוח יעקב אביהם"[44], און "וישב ישראל וגו' ויפרו וירבו מאוד"[45]. פאַרשטייט זיך אַז דער סוף פון פרשת ויגש - וואָס רעדט זיך וועגן די גוטע זאַכן וואָס האָבן געטראָפן צו די אידן - איז איין לאַנגע המשך מיט'ן אָנהויב פון פרשת ויחי. האָט דאָך דער טעם אויף דעם וואָס ס'איז אַ "פרשה סתומה" געדאַרפט זיין דעם דריטן טעם - וואָס איז ווייל אין דעם פרשה האָבן זיך געענדיקט אַלע יעקב'ס צרות.

אָבער די צוויי אַנדערע טעמים רעדן זיך וועגן די ניט-גוטע זאַכן וואָס האָבן געטראָפן צו די אידן. און רש"י'ס גאַנצע ענין איז דאָך "פשוטו של מקרא" אַז עס זאָל זיין פאַרשטאַנדיק צו דער "בן חמש למקרא", איז פאַרוואָס ברענגט רש"י נאָר די צוויי ערשטע טעמים פון מדרש?

**הביאור:** כדי צו ענטפערן די שאלה דאַרף מען פריער מקדים זיין מיט אַ כללות'דיקע שאלה:

44. מה, כז

45. מז, כז

פאַרוואָס איז דער נאָמען פון אונזער פרשה "ויחי", ווען די גאַנצע תוכן פון פרשה איז לכאורה וועגן די פאַרקערטע זין פון "ויחי", די פטירה פון יעקב אבינו.

נאָר דער ענטפער אויף דערוף איז, אַז דער אמת'ער "חיים" (לעבן) איז נאָר ווען מ'איז פאַרבונדן מיט'ן אויבערשטן. וואָרום ווי מ'זעהט אַז אַלע באַשעפענישן "קומען און גיין" (זיי בלייבן ניט אויף אייביק). אָבער ווען מ'איז פאַרבונדן מיט'ן אויבערשטן דעמאָלט איז מען אַ "חי נצחי". דער "חי" איז אַ אמת'ער "חי" ווי עס שטייט אַז ווען ס'איז "ואתם הדבקים בה' אלוקיכם" דעמאָלט וועט זיין "חיים כולכם היום".

לויט דעם קען מען פאַרשטיין פאַרוואָס רש"י ברענגט ניט דעם דריטן טעם פון מדרש:

ווען יעקב האָט נאָך געלעבט אין ארץ ישראל איז ער נאָך ניט געווען זיכער אַז ער איז פאַרבונדן מיטן אויבערשטן מיט אַן אמת (פאַסיק צו די דרגא פון די אבות). אָבער ווען ער איז געקומען אין מצרים, "ערות הארץ", און ער האָט נאָכאַלץ געלעבט מיט קדושה דעמאָלט איז דאָס "ויחי יעקב".

און דערפאַר ברענגט רש"י ניט דעם דריטן טעם וואָס דער מדרש ברענגט ווייל עס רעדט זיך וועגן די גוטע מצב פון די אידן. אָבער די אַנדערע ענטפערס (וואָס רש"י ברענגט זיי יאָ) רעדן וועגן די צייט ווען יעקב איז נפטר געוואָרען און די קץ איז באַהאַלטן געוואָרען און ער מיט זיינע קינדער[46] האָבן נאָכאַלץ זיך געפירט בקדושה, דעמאָלט איז דער אמת'ער "**ויחי יעקב**".

46. וואָס דאַן איז געווען "מטתו שלמה".

**ההוראה:** ווען קדושה לייכט אין אַ אָפּענעם אופן, און ס'ניטאָ קיין "שעבוד מצרים" יעמאָלט איז ניט קיין חידוש, ווען איז דער אמת'ער "חיים". דוקא ווען מ'געפינט זיך אין גלות, און ווען דער "קץ" איז באַהאַלטן פון אונז, און מ'פירט זיך בקדושה, דאַן איז עס אַן אמת'ן "חיים" (לעבן), און ווען ס'איז "זרעו בחיים" איז "הוא בחיים" - **"ויחי יעקב"**[47].

47. לקוטי שיחות חלק טו ע' 422.

ספר הרב מינץ.indd 49 06/08/2008 20:31:45

ספר הרב מינץ.indd 50 06/08/2008 20:31:45

# בשער הפרשה

## ספר
# שמות

ספר הרב מינץ.indd   51   06/08/2008   20:31:45

# פרשת שמות

אין אָנהויב פון היינטיקע פרשה שטייט: "ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה" - און דאָס זיינען די נעמען פון די בני ישראל וועלכע זיינען געקומען אין מצרים; "את יעקב איש וביתו באו" - מיט יעקב איז יעדער געקומען מיט זיין משפחה.

**השאלה:** ווען די אידן זיינען ערשט אנגעקומען אין מצרים פאסט זאגן דער לשון "הבאים מצרימה", ווי עס שטייט טאַקע פריער אין פרשת ויגש[1] ווען די בני ישראל זיינען אָנגעקומען "ויבואו מצרימה יעקב וכל זרעו אתו... ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה". אין אונזער פרשה אָבער, ווען די אידן האָבן שוין לאַנג געוווען אין מצרים, פאַרוואָס שטייט "הבאים מצרימה" (לשון הווה)?

נאָכמער, אין דעם זעלבן פסוק ווערט דערציילט וועגן זייער אָנקומען אין מצרים אין אַ לשון עבר "איש וביתו **באו**". איז פאַרוואָס שטייט דאָ אַ לשון הווה ("**הבאים** מצרימה")?

**הביאור:** אין מדרש[2] ווערט געבראַכט אַ ביאור אויף דעם: "הבאים מצרימה" - פאַרוואָס שטייט "הבאים מצרימה" לשון הווה, "וכי היום באים" - צי דען האָבן די אידן ערשט יעצט געקומען צו מצרים; "והלא ימים רבים היו להם משבאו למצרים?" - ס'איז שוין געווען אַסאַך צייט זינט זיי האָבן געקומען? "אלא כל זמן שיוסף היה קיים" - נאר כל זמן יוסף האָט נאָך געלעבט; "לא היה להם משוי של מצרים" -

1. מו, ו־ח.

2. מדרש רבה, אין אנהויב פון פרשת שמות.

האָבן זיי ניט געהאַט די שוועריקייט פון מצרים; "מת יוסף" - ווען יוסף האָט געשטאָרבן; "נתנו עליהם משוי" - איז אַרויף געקומען אויף זיי די שוועריקייט (פון גלות מצרים); "לפיכך כתיב הבאים" - דערפאַר שטייט הבאים, לשון הווה; "כאילו אותו יום נכנסו למצרים" - ס'איז געווען אַזוי ווי אויף יענעם טאָג זיינען זיי אַריינגעקומען אין מצרים.

צו קלערער פאַרשטיין דער ענין, דאַרף מען מקדים זיין:

דער אונטערשייד צווישן ספר בראשית און ספר שמות (און די אנדערע ספרים) איז: אין ספר בראשית ווערט דערציילט וועגן די לעבן פון אונזערע אבות, אברהם יצחק און יעקב, און זייערע עבודת ה'. אין ספר שמות (און ווייטער) ווערט דערציילט וועגן די קינדער - בני ישראל וועלכע זיינען ממשיך אין די וועגן פון די הייליקע אבות. פון די דערציילונגען וועגן די אבות (אין ספר בראשית) נעמען די בני ישראל די אָנווייזונגען און דער כח (אין ספר שמות און ווייטער) פאר זייער עבודת ה'.

קומט אויס אַז מיט ספר שמות הויבט זיך אָן גאָר אַ נייע חלק אין תורה, וואס איז פאַרבונדן מיט די בני ישראל. אַלץ אַ הקדמה צו דער ספר, זאָגט אונז תורה ווער די בני ישראל זיינען געווען און במילא ווי זיי האבן די כחות אויף צו ממשיך זיין אין די וועגן פון זייערע אבות. און דאָס איז דער אינהאַלט פון דער ערשטער פסוק אין ספר שמות "ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה".

דער ספר הויבט זיך אָן "ואלה שמות בני ישראל" - אַלץ בני ישראל באַקומען מיר בירושה די אַלע זאַכן פון אונזערע הייליקע אבות. די לעצטע פון די אבות, יעקב אבינו ווערט אָנגערופן ישראל און צוליב דעם ווערן מיר אָנגערופן "בני ישראל".

דער נאָמען "ישראל" איז פאַרבונדן מיט א ספעציעלע דערהויבנקייט

און חשיבות. ווי דער פסוק זאָגט ווען דער מלאך האָט געביטן יעקב'ס נאמען צו ישראל, "כי שרית עם אלקים ועם אנשים ותוכל" - ווייל דו האָסט געראַנגלט מיט אַ מלאך (און מיט עשו און לבן) און האָסט זיי איבערגעוואונען. באווייזט עס אויף א ספעציעלע כח און גרויסקייט. אזוי אויך "ישראל" איז די זעלבע אותיות פון "לי ראש" - אַז ישראל האָט אַ שייכות מיט'ן קאָפּ. וואָס דער קאָפּ גייט כביכול אויף דעם אויבערשטן. אונזער שייכות מיט'ן אויבערשטן איז אַזוי שטאַרק אַז מיר זיינען איין זאַך מיט דעם אויבערשטן, ווי דער פסוק זאָגט[3] וועגן די נשמה פון יעדער איד: "חלק אלוקה ממעל" ממש - אַז אַ נשמה פון אַ איד איז ממש אַ חלק פון דעם אויבערשטן.

פון דעם איז פאַרשטאַנדיק אַז "ישראל", יעדער איד און אלע אידן, זיינען בכלל ניט שייך צו גלות מצרים. וואָס מצרים איז פון לשון "מיצר", באגרעניצונגן וואס האַלט אָפּ אַ איד און לאָזט אים ניט צו דערהויבן און וואקסן אין עבודת ה'. איז ווי קען עס זיין אַז ווען אידן זיינען אויף אַזאַ מדריגה פון "ישראל" זאָלן זיי זיין אין גלות? דאָס איז דאָך אינגאַנצן ניט פאַרשטאַנדיק?

דערפאַר שטייט **הבאים** לשון הווה: ווייל יעדער טאָג וואָס די אידן זיינען געווען אין מצרים, איז דאָס געווען פאַר זיי אַזוי ווי אַז אין יענעם טאָג זיינען זיי אָנגעקומען אין מצרים. ווייל זייער אמת'ע אָרט איז ניט געווען אין מצרים. זיי האָבן בכלל קיין שייכות ניט געהאַט צו מצרים. און דאָס וואָס אידן געפינען זיך אין מצרים איז א גרויסע חידוש לגבי זייערע אמת'ע מציאות וואָס שטייט העכער פון דער גאנצער ענין פון גלות.

---

3. איוב לא, ב.

און דאָס מיינט "כאילו אותו יום נכנסו למצרים" - עס איז אַזוי ווי היינט האָבן מיר אָנגעקומען אין גלות. און היינט וועלן מיר אַרויסגיין פון גלות. ווייל עס איז ניט אונזער אָרט!

• • •

פון דעם קען מען אָפּלערנען אַ געוואַלדיקע הוראה אין עבודת ה':

בשעת אַ איד ווייס אז ער שטייט העכער פון גלות מצרים (און אַלע גלויות שטאַמען דאָך פון גלות מצרים), און אַז זיין אמת'ע פלאַץ איז ניט אין גלות, איז דאָס אים מעורר אַז ער זאל ניט נתפעל ווערן פון די גלות געדאַנקען וואס איז אַרום אים. עס דערמאָנט אים וועגן זיין ציל און תכלית זייענדיק אין גלות, און פאַרזיכערט אז ער זאל זיך ניט פאַרלירן אין די חושך פון גלות.

דער ענין האט אַ ספּעציעלע שייכות צו אונז און ווי מיר דאַרפן זיך אויפירן זייענדיק אין גלות: וויסענדיק אַז אונזער פלאַץ איז גאָר העכער פון גלות ווייל מיר זיינען ערשט היינט אָנגעקומען אין גלות ("כאילו אותו יום נכנסו למצרים"), און מצד אונזער נשמות זיינען מיר שטאַרק פאַרבונדן מיט ה' ("לי ראש"), גיט דאָס אונז אַ שטאַרקייט און העלפט אונז צו זיך שטאַרקן און דערהויבן נאָכמער אין אונזער עבודת ה'.

נאָכמער: שטייענדיק אין די לעצטע טעג פון גלות, ווען מיר גרייטן זיך אויף די גאולה האמיתית והשלימה (ווי די פריערדיקער רבי האָט געזאָגט אַז מען דאַרף מערניט ווי "צופוצן די קנעפלאך" און זיך גרייטן פאַר די גאולה), קען א מענטש ווערן אראָפּגעפאַלן ביי זיך ווען ער טראַכט צו זיך וועגן די לאַנגע און ביטערע גלות. און דאָס קען

אָפשוואַכן זיין אמונה אין משיח און די גאולה.

לערנען מיר פון אונזער פרשה "ואלה שמות בני ישראל **הבאים מצרימה**": כאָטש אַז מיר געפינען זיך אין א לאַנגע און שווערע גלות, פונדעסטוועגן איז היינטיקע טאָג אין גלות ניט קיין נאַטירלעכע המשך פון די פריערדיקע גלות־טעג (וואס קען פועל'ן א חלישות ביי אונז), נאָר עס איז "כאילו אותו יום נכנסו למצרים" - היינט איז ווי דער ערשטער טאָג אין גלות! און דאָס העלפט אונז בייטן אונזער קוק אויף גלות און זיך גרייטן מיט'ן גאַנצן האַרץ פאַר די גאולה הקרובה.

---

**ההוראה:** יעדער איד דאַרף וויסן: אַז כאָטש ס'איז געווען אַזאַ שווערע און לאַנגע גלות, איז דער מציאות פון אַ איד העכער פון גלות. יעדער רגע פון גלות איז ווי מיר האָבן אָט ערשט אָנגעקומען אין גלות. דאָס גיט אונז כח צו זיך שטארקן אין אונזער עבודת ה' און שטיין גרייט אַז דער אויבערשטער וועט אונז אַרויסנעמען פון גלות במהרה בימינו ממש[4].

---

4. ספר השיחות ה'תשנ"א חלק א ע' 240

# פרשת וארא

אין אָנהויב פון היינטיקע פרשה, שטייט "וארא אל אברהם אל יצחק ואל יעקב באֿל שדֿי ושמי הוי' לא נודעתי להם. . .לכן אמור לבני ישראל אני ה'" - און איך האָב זיך באַוויזן צו אברהם, צו יצחק און צו יעקב מיט אֿל שדֿי. אָבער מיט מיין נאָמען הוי' האָב איך זיך ניט אַנטפלעקט (אַנערקענט) צו זיי. . . דערפאַר זאָג צו די בני ישראל איך בין ה'.

חסידות ערקלערט אַז צו די אבות האָט דער אויבערשטער זיך באַוויזן נאָר מיט'ן נאָמען "שדֿי". אָבער מיט'ן העכערען נאָמען (שם הוי') האָט דער אויבערשטער נישט אַנטפלעקט צו זיי ("ושמי ה' לא נודעתי להם"). אָבער באַ יציאת מצרים און מתן תורה, האָבן די בני ישראל זוכה געווען צו אַ גרעסערע און העכערע גילוי ווי באַ די אבות, דער אויבערשטער האָט זיך אַנטפלעקט צו זיי מיט'ן שם הוי'.

**השאלה:** שטעלט זיך די שאלה, פאַרוואָס רופט זיך אָן אונזער פרשה מיט'ן נאָמען "וארא" [אל אברהם אל יצחק ואל יעקב] וואָס באַדייט דאָס וואָס דער אויבערשטער האָט זיך אַנטפלעקט צו די אבות מערניט ווי מיט'ן שם "אֿל שדֿי", ווען אין אונזער פרשה רעדט זיך וועגן די גרויסע גילויים וואָס די אידן האָבן זוכה געווען צו זיי בשעת יציאת מצרים און באַ מתן תורה, וועלכע זיינען געווען אַסאַך העכערע גילויים ווי באַ די אבות?

**הביאור:** חז"ל[5] זאָגן אַז "יפה כוח הבן מכוח האב"; די כח פון דעם קינד איז נאָך בעסער און שענער ווי דעם טאַט'ן. און ווי עס ווערט

5. שבועות מח,א.

געטייטשט אין חסידות[6], אַז די כח פון א קינד (וואָס איז "יפה" - בעסער און שענער ווי זיין טאַטע, דאָס גופא) קומט פון דעם כח פון טאַט'ן - "מְכח האב"; ווייל אַלץ וואָס אַ קינד פאַרמאָגט קומט פון זיין פאָטער (ס'מערניט אַז ביים פאָטער קען עס זיין באַהאַלטן, און עס ווערט אַנטפּלעקט ביים קינד).

אַזוי אויך אין אונזער פרשה: כאָטש אַז די גילויים וואָס די בני ישראל האָבן דערצו זוכה געווען זיינען טאַקע געווען העכער ווי באַ די אבות, אָבער די כח אויף דעם איז געקומען דורך די אבות - "מכח האב".

לויט דעם קען מען בעסער פאַרשטיין דער המשך הפסוק:

דער פסוק הויבט אָן דערציילן וועגן דאָס וואָס דער אויבערשטער האָט זיך אַנטפּלעקט צו די אבות: "וארא אל אברהם ואל יצחק ואל יעקב בא־ל שד־י ושמי ה' לא נודעתי להם". דערנאָך פירט אויס דער פסוק, אַז צוליב דעם - דורך די אבות און אין **זייער** זכות - "**לכן** אמור לבני ישראל אני ה'"; **דערפאַר** האָבן די אידן זוכה געווען צום העכערן גילוי (דער גילוי פון שם הוי').

דערפאַר הייסט די פרשה מיט'ן נאָמען "וארא" (וואָס רעדט זיך וועגן דעם גילוי צו די אבות), ווייל אָט דער גילוי וואָס די אידן האָבן דערצו זוכה געווען, האָבן זיי עס באַקומען דורך און בזכות די אבות; פון דעם "וארא אל אברהם אל יצחק ואל יעקב".

---

**ההוראה:** כאָטש מיר קענען זיך ניט גלייכן צו די אבות און צו די פריעדיקע דורות, האָבן מיר אָבער די כח פון די אבות און

---

6. ספר המאמרים תרנ"ז לכ"ק אדמו"ר הרש"ב ע' רסט. אגרות קודש לכ"ק אדמו"ר מוהריי"צ ח"ד ע' תה. לקוטי שיחות חלק כג ע' 222.

די צדיקים פון פריעדיקע דורות צו קענען אויפטאָן גאָר גרויסע ענינים דורך אונזער לימוד התורה און קיום המצות בהידור. דורכדעם וועלן מיר זוכה זיין צו ברענגען די גאולה האמיתית והשלימה[7].

7. על־פי ספר השיחות ה׳תשנ״ב חלק א ע׳ 258 ואילך.

ספר הרב מינע.indd 59 06/08/2008 20:31:47

# פרשת בא

אין פרשת בא דערציילט די תורה וועגן די לעצטע דריי מכות און ווי דער אויבערשטער האָט ארויסגענומען די אידן פון גלות מצרים. די פרשה הויבט זיך אָן ווי דער אויבערשטער זאָגט אָן משה: "בא אל פרעה" - ער זאָל קומען און וואָרענען פרעה אויף מכת ארבה.

**השאלה:** שטעלט זיך די שאלה: וויבאַלד דער אויבערשטער האָט דאָך געהייסן משה צו גיין צו פרעה, לכאורה וואָלט געדאַרפט שטיין אין פסוק "לך אל פרעה" - גיי צו פרעה, און ניט "בא אל פרעה" - קום צו פרעה?

**הביאור:** עס שטייט אין זהר[8]: צוליב דעם וואָס פרעה איז געווען אַ שטאַרקע קליפה (וואָס איז נשתלשל געוואָרען פון גאָר אַ הויכע מדריגה), האָט משה מורא געהאַט אַריינגיין אַליין צו פרעה'ן. דעריבער האָט דער אויבערשטער כביכול מיטגעגאַנגען צוזאמען מיט משה צו פרעה, כדי צו אים ווידער אַמאָל וואָרענען צו ארויסלאָזן די בני ישראל פון מצרים.

און דאָס איז וואָס דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו משה: "**בא** אל פרעה" - קום [מיט מיר] צו פרעה, און ניט "**לך** אל פרעה".

מיט דעם וויל די תורה אונז אויסלערנען אַז ווען אַ איד האָט געוויסע שוועריקייטן צו פאָלגן דעם אָנזאָג פון ה' צו מקיים זיין תורה און מצות (צוליב גויים אָדער אַנדערע זאַכן וואָס קענען אים שטערן

8. חלק ב לד, א.

ספר הרבה מינע.indd 60 06/08/2008 20:31:47

אָדער אָנשרעקן), דאַרף ער וויסן אַז דער אויבערשטער גייט צוזאַמען מיט אים. דער אויבערשטער גיט אים די כחות צו אויספירן און טאָן דאָס וואָס ער דאַרף טאָן. במילא דאַרף אַ איד ניט מורא האָבן און ניט נתפעל ווערן פון גויים אָדער אַנדערע שוועריקייטן, וויסענדיק אַז ה' גייט מיט אים צוזאַמען אין גלות.

דער ענין זעט מען אויך ווייטער אין אונזער פרשה:

דער אויבערשטער האָט אָנגעזאָגט די אידן צו נעמען אַ שעפס (אויף יו"ד ניסן) און עס האַלטן אין שטוב פאַר עטליכע טעג כדי צו עס מקריב זיין פאַר אַ קרבן פסח (אויף י"ד ניסן). פאַרוואָס האָבן זיי געדאַרפט נעמען דעם שעפס עטליכע טעג פריער? זאָגן רז"ל אַז ווען די מצריים וועלן זעהן דעם שעפס וועלן זיי זיך וואונדערן און פרעגן די אידן וועגן דעם. זאָלן די אידן ניט נתפעל ווערן און ענטפערן אַז זיי גרייטן זיך אויף שחט'ן דעם שעפס פאַר אַ קרבן.

כאָטש די אידן האָבן גאַנץ גוט געוואוסט אַז אַ שעפס איז די עבודה זרה פון מצרים, פונדעסטוועגן האָבן זיי זיך געהאַלטן שטאַרק און אויסגעפירט דעם אויבערשטנ'ס אָנזאָג, און דערמיט האָבן זיי זוכה געווען צו די גאולה פון גלות מצרים.

• • •

**ההוראה:** ווען אַ מענטש האָט מורא אָדער ער שעמט זיך צו פאָלגן וואָס דער אויבערשטער וויל פון אים, דאַרף ער וויסן און געדענקן אַז דער אויבערשטער גייט צוזאַמען מיט אים; במילא זאָל ער זיך האַלטן שטאַרק, זיין שטאָלץ און ניט נתפעל ווערן.

און אַזוי ווי די הנהגה פון אידן האָט געבראַכט די גאולה פון גלות מצרים, אַזוי אויך וועלן מיר זוכה זיין צו די גאולה פון אונזער גלות דורך דינען דעם אויבערשטן מיט שטאַרקייט און זיין שטאָלץ מיט מסירות נפש[9].

9. על־פי תורת מנחם שיחת ש"פ שמות ה'תשט"ז ע' 7. שיחת ש"פ וארא תשד"מ ע' 497. ספר השיחות ה'תשנ"ב חלק א ע' 182. לקוטי שיחות חלק א ע' 721.

06/08/2008 20:31:47 ספר הבר מינע.indd 62

# פרשת בשלח

אין פרשת בשלח דערציילט די תורה וועגן דעם גרויסן נס וואָס איז פאָרגעקומען אַרויסגייענדיק פון מצרים - דער נס פון קריעת ים סוף. די פרשה הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: "ויהי בשלח פרעה את העם" - ווען פרעה האָט אַרויסגעשיקט די אידן פון מצרים.

כאָטש, מיר ווייסן אַז דער אויבערשטער איז געווען דער וואָס האָט אויסגעלייזט די אידן פון מצרים, פונדעסטוועגן שטייט אין פסוק "ויהי בשלח **פרעה** את העם" אַז פרעה האָט אַרויסגעשיקט די אידן פון מצרים.

**השאלה:** מיר ווייסן דאָך אַז פרעה האָט ניט געלאָזט די אידן אַרויסגיין פון מצרים פאַר צוויי הונדערט און צען יאָר. אויף אַזוי ווייט, אַז פרעה האָט אינגאַנצן ניט נתפעל געוואָרען פון די אַלע מכות וואָס דער אויבערשטער האָט געבראַכט אויף די מצריים, ביז אַז ער האָט געזאָגט: "לא ידעתי את ה' וגם את בני ישראל לא אשלח" - אַז ער אַנערקענט ניט אַז ס'איז פאַראַן אַ ג־ט אויף דער וועלט, און ער וועט ניט אַרויסשיקן די אידן פון מצרים.

שטעלט זיך דער שאלה: ווי האָט פרעה מיט אַמאָל געביטן זיין שטאַרקע דעה פון נישט אַרויסלאָזן די אידן פון מצרים, מן הקצה אל הקצה, אויף אַזוי ווייט אַז ניט נאָר וואָס ער האָט מסכים געווען אַז די אידן זאָלן אַרויסגיין פון מצרים, נאָר ער אַליין האָט זיי אַרויסגעשיקט פון מצרים?!

**הביאור:** די כוונה פון גלות און גאולת מצרים איז ניט געווען נאָר אַז דער אויבערשטער זאָל אַליין אַרויסנעמען די אידן פון מצרים; ווייל אויב אַזוי, וואָלט דאָך דער אויבערשטער פון לאַנג אַרויסגענומען די אידן פון מצרים. פונקט ווי דער אויבערשטער האָט געמאַכט די אַלע אותות ומופתים אַז פרעה זאָל אים פאָלגן, האָט דאָך דער אויבערשטער געקענט מאַכן אַ נס אַז די אידן זאָלן אַרויסגיין פון מצרים שוין פון אָנהויב שעבוד מצרים. איז פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער כסדר געשיקט משה צו בעטן פרעה צו אַרויסלאָזן די אידן? און ווען פרעה האָט ניט געפאָלגט משה האָט אים דער אויבערשטער ווידער געשיקט צו בעטן און וואָרענען פרעה נאָכאַמאָל און ווידער אַמאָל?

נאָר דער אויבערשטער האָט ניט געוואָלט אַז פרעה זאָל נאָר מסכים זיין אַז דער אויבערשטער זאָל זיי אַרויסנעמען פון מצרים; דער אויבערשטער האָט געוואָלט אַז **פרעה אַליין** זאָל אַרויסשיקן די אידן פון מצרים. די כוונה אין דעם איז געווען אַז דער זעלבער מלך מצרים וואָס האָט זיך אַנטקעגן געשטעלט און ניט געפאָלגט דעם אויבערשטן, זאָל זיך איבערבייטן און פאָלגן די רייד פון ה'; פון זאָגן "לא ידעתי את ה'" צו סוף כל סוף פאָלגן דאָס וואָס דער אויבערשטער וויל.

דערפאַר איז דער פסוק מדגיש: "ויהי **בשלח פרעה** את העם" - יציאת מצרים איז ניט געווען נאָר מלמעלה, פון דעם אויבערשטן. נאָר פרעה מלך מצרים וואָס האָט געפייניגט די אידן און זיי ניט געוואָלט אַרויסלאָזן, האָט אינגאַנצן געביטן זיין דעה, מן הקצה אל הקצה, ביז אַז ער אַליין האָט אַרויסגעשיקט די אידן פון זיין לאנד.

נאָכמער: מפרשים זיינען מסביר אַז עס זיינען געווען געוויסע אידן וואָס האָבן געוואָלט בלייבן אין מצרים, האָט פרעה זיי געדאַרפט

אַרויסשיקן פון מצרים. דערפאַר שטייט "בשלח **פרעה** את העם". דערפון זעט מען אַז ניט נאָר וואָס פרעה האָט זיי געלאָזט אַרויסגיין, נאָר ער האָט אַליין איינטייל־גענומען אין זיי אוועקשיקן פון מצרים.

וואָס האָט טאַקע געווירקט אויף פרעה אַז ער זאָל בייטן זיין מיינונג און שטעל, מן הקצה אל הקצה? מוז מען זאָגן אַז דער שינוי באַ פרעה איז געקומען דורך דעם וואָס די בני ישראל האָבן זיך פאַרבעסערט אין זייער עבודת ה', האָט עס גע'פועל'ט אַן ענדערונג אין די הנהגה פון פרעה.

**ההוראה:** די פאַסיקע דרך אין עבודת ה' איז ניט (נאָר) צו ברעכן אָדער אויסמיידן זאַכן פון עולם הזה הגשמי וואָס קענען שטערן צו עבודת ה'; נאָר זיי צו איבערבייטן, איבערמאַכן און נוצן צו דינען דעם אויבערשטן.

אַלע מענטשן און זאַכן אין וועלט (אַפילו די וועלכע שטעלן זיך אַנטקעגן עבודת ה', אזוי ווי פרעה) קען מען (און דאַרף מען) זיי איבערבייטן און אויסנוצן אויף צו אויספירן דעם אויבערשטן'ס רצון. און בשעת אַ איד פירט זיך אין אַזאַ אופן, וועלן אָט די שטערונגען זיך איבערבייטן און אים אַרויסהעלפן אין זיין עבודת ה'[10].

10. על־פי שיחת שבת פרשת בשלח תשל"ד.

# פרשת יתרו

אין אָנהויב פון פרשת יתרו ווערט דערציילט ווי יתרו איז געקומען צו די אידן נאָכדעם ווי ער האָט געהערט די גרויסע ניסים וואָס זיינען פאָרגעקומען ביי קריעת ים סוף און ביי מלחמת עמלק.

שטייט אויף דעם אין זהר הקדוש[11] אַז דאָס וואָס יתרו איז געקומען און האָט אַנערקענט דעם אויבערשטן איז געווען אַ הכנה צו מתן תורה; דוקא נאָך דעם וואָס יתרו איז געקומען און האָט זיך מגייר געווען האָט דער אויבערשטער געגעבן די תורה צו אידן.

**השאלה:** שטעלט זיך די שאלה: וואָס איז די שייכות צווישן יתרו און קבלת התורה, אַז דוקא זיין קומען איז געווען אַ הכנה צו מתן תורה? ווי קען מען זאָגן אַז מתן תורה איז געווען אָפּהענגיק אין אַ גוי וואָס האָט געדינט עבודה זרה, און צו דערצו נאָך געווען אַ "כהן מדין"; אַ גלח פאַר עבודה זרה12?

**הביאור:** צו ענטפערן די שאלה דאַרף מען פריער מקדים זיין דעם באַוואוסטן משל וואָס ווערט געבראַכט אין מדרש13 אויף צו ערקלערן דעם אויפטו פון מתן תורה:

זאָגט דער מדרש: "משל למה הדבר דומה" - אַ משל צו וואָס איז דאָס צוגעגליכן; "למלך שגזר ואמר בני רומי לא ירדו לסוריא ובני סוריא לא יעלו לרומי" - צו אַ קעניג וועלכע האָט גוזר געווען אַז די

11. בתחילת פרשת יתרו (סז, ב).

12. לויט איין פירוש אין מדרש רבה, שמות פרק א, לב, און אין מכילתא אָנהייב פרשת יתרו.

13. מדרש רבה, שמות פי"ב, ג.

מענטשן פון סוריא קענען ניט אַריבערגיין דעם גרעניץ צו רומי, און די מענטשן פון רומי קענען ניט אַריבערגיין דעם גרעניץ צו סוריא; "כך כשברא הקדוש־ברוך־הוא את העולם" - אזוי אויך אין נמשל: ווען דער אויבערשטער האָט באַשאַפן די וועלט; "גזר ואמר: השמים שמים לה' והארץ נתן לבני אדם" - האָט ער גוזר געווען אַז די הימל (רוחניות) זאָל זיין אָפגעשיידט פון די ערד (גשמיות); "כשביקש ליתן התורה בטל גזירה ראשונה ואמר התחתונים יעלו לעליונים והעליונים ירדו לתחתונים" - אָבער ווען דער אויבערשטער האָט געוואָלט געבן די תורה צו די בני ישראל האָט ער מבטל געווען דעם גזירה, און ערלויבט אַז רוחניות זאָל ניט זיין אָפגעזונדערט פון וועלט.

דאָס הייסט: אַז דורך לימוד התורה און קיום המצות אויף דער וועלט האָט אַ איד דער כח צו אַראָפּברענגען רוחניות (שמים) אין אונזער נידעריקע וועלט (ארץ), און דערביי פאַרבינדן רוחניות מיט גשמיות, שמים מיט ארץ.

דערפון איז פאַרשטאַנדיק אַז די כוונה פון מתן תורה איז געווען צו אַוועקנעמען די מחיצות וועלכע האָבן מפסיק געווען צווישן אונזער גשמיות'דיקע וועלט מיט די רוחניות'דיקע וועלטן (עולמות) למעלה. אַז מיר זאָלן קענען אַראָפּברענגען אַזאַ גרויסע און הייליקע ליכטיקייט פון ה' אין אונזער וועלט, וואָס האָט ביז דאַן געשיינט נאָר אין די רוחנית'דיקע וועלטן (עולמות).

• • •

לויט דעם וואָס איז באַוואוסט, אַז אַ הכנה פון אַ זאַך דאַרף זיין פאַרבונדן מיט דער זאַך (אויף וואָס מען גרייט זיך) אַליין, דעריבער איז אַלץ אַ הכנה צו מתן תורה האָט מען געדאַרפט האָבן איינער ווי יתרו אויף צו מודה זיין אין די וועגן פון ה':

יתרו איז דאָך געווען פון די גרעסטע גוי'שע חכמים אין זיין צייט, און ער האָט געקענט (און געדינט) אַלע סאָרטן עבודה זרות אין דער וועלט[14]. במילא איז יתרו געשטאַנען אין גאָר אַ נידעריקע דרגא ברוחניות און איז געווען גאָר ווייט פון דעם אויבערשטן.

בשעת אַ מענטש ווי יתרו קומט און זאָגט "עתה ידעתי כי גדול ה' מכל האלהים", דאָס הייסט אַז ער איז מודה און אַנערקענט אין דעם אויבערשטן, באַווייזט עס אַז אמונה אין דעם אויבערשטן קען דערגרייכען אַפילו צו די נידעריקסטע מענטשן אויף דער וועלט.

לויט דעם איז פאַרשטאַנדיק דאָס וואָס דער זהר הקדוש זאָגט אַז דאָס וואָס יתרו האָט זיך מגייר געווען איז געווען אַ הכנה צו מתן תורה. ווייל דאָס איז דאָך דער גאַנצע ענין פון מתן תורה: אַז "עליונים" - די העכסטע און הייליקסטע ג־טליכע ליכטיקייט זאָל דערגרייכן ביז צו "תחתונים" - די נידעריקסטע (חלקים און) דרגות פון די וועלט.

• • •

מיט דעם ווערט פאַרענטפערט נאָך אַ שאלה:

ווי קומט עס אַז אונזער פרשה, אין וועלכע די תורה דערציילט וועגן די גאָר וויכטיקע און היסטאָרישע געשעעניש, דאָס וואָס די אידן האָבן באַקומען די תורה אויף הר סיני, ווערט אָנגערופן מיטן נאָמען "יתרו"? לכאורה פּאַסט ניט אַז אַזאַ וויכטיקע פרשה אין תורה זאָל אָנגערופען ווערן מיט זיין נאָמען?!

נאָר לויט דעם ווי מען האָט פריער מסביר געווען, ווערט עס גוט פאַרשטאַנדיק: דוקא אַ מענטש ווי יתרו און זיין אַנערקענונג אין דעם

---

14. ווי רש"י זאָגט אין אונזער פרשה (יח, יא) "מלמד שהי' [יתרו] מכיר בכל עבודה זרה שבעולם, שלא הניח עבודה זרה שלא עבדה".

רפס ברה מינע.indd 68 06/08/2008 20:31:47

אויבערשטן ברענגט ארויס די צענטראַלע ענין פון מתן תורה (ווי דערמאָנט פריער). דעריבער ווערט טאַקע די גאַנצע פרשה אָנגערופן מיט זיין נאָמען.

**ההוראה:** דאָס איז אַן אָנווייזונג צו יעדן אידן: דורך וואָס קען אַ איד זוכה זיין צו זיין אייגענע "קבלת התורה", צו לערנען און פאַרשטיין תורה? - דורך דעם וואָס ער וועט אויפטאָן אין דעם "יתרו" וואָס געפינט זיך אין אים, אין זיין גוף און נפש הבהמית. אַז זיי זאָלן אויך אַנערקענען די גרויסקייט פון דעם אויבערשטן. כאָטש זיי ציען זיך און אינטערסירען זיך מערניט ווי אין גשמיות'דיקע זאַכן, און באַווירקן אויף דעם מענטשן צו זיך יאָגן נאָך די "מותרות" (די גשמיות'דיקע לוקסוס זאַכן פון וועלט), דאַרף אַ איד אַרבעטן אויף זיין גוף און זיין נפש הבהמית (די "יתרו" וואָס געפינט זיך אין אים) אַז אויך זיי זאָלן מסכים זיין און מודה זיין צו וועלן די ענינים וואָס די נפש האלקית וויל - לערנען תורה און מקיים זיין מצות.

בשעת אַ איד פועל'ט באַ זיך אַז ניט נאָר זיין נפש האלקית זאָל טאָן דעם אויבערשטענ'ס רצון - נאָר אויך זיין נפש הבהמית ("יתרו"), וועט ער זוכה זיין צו זיין פערזענליכע "קבלת התורה" - אַז ער זאָל באַקומען די תורה; ער זאָל פאַרשטיין תורה און מצליח זיין אין דעם[15].

15. על פי לקוטי שיחות חלק ד ע' 1271. חלק יא ע' 75.

# פרשת משפטים

אין פרשת משפטים ווערט דערציילט וועגן אַסאַך דינים (משפטים) וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט'ן טאָג־טעגליכן לעבן פון אַ מענטש. און בעיקר וועגן מצוות וועלכע זיינען פארבונדן מיט אנדערע מענטשן, "בין אדם לחבירו". צווישן זיי ווערן אַריינגערעכנט די דינים פון גניבה, ד' שומרים, מלוה ולוה, מקח וממכר, און דאס גלייכן.

די תרי"ג מצוות התורה זיינען צוטיילט אויף דריי סוגים:

א) **משפטים:** מצוות וואָס לייגן זיך אָפּ אין שכל אנושי. די מצוות וואָלט מען געטאָן אַפילו אויב דער אויבערשטער וואָלט אונז ניט אָנגעזאָגט צו זיי טאָן.

ב) **עדות:** מצוות וועלכע זיינען אַ צייכען (ווי שבת און סוכות א.ד.ג.) וואָס מ'וואָלט ניט געטאָן אַליין, אָבער נאָכדעם ווי דער אויבערשטער האָט אונז אָנגעזאָגט, לייגט עס זיך אויך אָפּ אין שכל.

ג) **חוקים:** מצוות וועלכע זיינען העכער פון שכל. די מצוות וואָלט מען פון זיך אַליין ניט מקיים געווען, און אַפילו נאָך דעם ווי דער אויבערשטער האָט אונז אָנגעזאָגט אויף זיי, קען מען זיי ניט פאַרשטיין.

**השאלה:** וויבאלד אז די מצוות פון משפטים וואָלטן מיר דאָך געוואוסט אַפילו פאַר מתן תורה, איז פאַרשטאַנדיק אַז דער עיקר חידוש פון מתן תורה באַשטייט ניט אין משפטים, נאָר אין חוקים (אָדער עדות). ווי דער גמרא זאָגט16 וועגן מצוות אין דעם סוג פון

16. יומא סז, ב.

משפטים, אַז אויב עס וואָלט ניט געשטאַנען אין תורה, וואָלט מען אַליין פאַרשטאַנען אַז מען זאָל זיך אזוי פירן.

לויט דעם שטעלט זיך די שאלה: לכאורה באַלד נאָך מתן תורה וואָלט געדאַרפט קומען דער ציווי אויף חוקים אָדער עדות, אין וועלכע עס דריקט זיך אויס דער חידוש פון מתן תורה. פאַרוואָס שטעלט די תורה די ערשטע זאַך נאָך מתן תורה, די מצות פון משפטים?

נאָכמער: לויט די שיטה פון דער רמב"ן[17] די "דינין" אויף וועלכע די בני נח זיינען אָנגעזאָגט געוואָרען פאר מתן תורה (אַלץ איינע פון די "שבע מצוות בני נח") איז ניט בלויז צו שטעלן דיינים, נאָר עס רעכנט אויך אַריין די דינים פון גניבה, אונאה, ד' שומרים, מלוה ולווה, מקח וממכר, און אזוי ווייטער. (די דינים וועלכע ווערן דערמאָנט אין פרשת משפטים). קומט אויס אַז די סאָרט מצות זיינען שוין אָנגעזאָגט געוואָרן צו די בני נח נאָך פאַר מתן תורה. איז פאַרוואָס ווערן זיי גלייך דערמאָנט נאָך מתן תורה אַלץ אַ חידוש פון מתן תורה?

**הביאור:** וועט מען עס פאַרשטיין מיט פריער מקדים זיין וואָס דער של"ה הקדוש טייטשט אויפ'ן פסוק "זה א־לי ואנוהו, אלהי אבי וארוממנהו" - אַז ווען דער אויבערשטער איז "א־לי" מיין ג־ט, צוליב מיין פאַרשטאַנד דאַן איז "ואנוהו" - דאס הייסט "אני והוא", איך מיט עם (ה') כביכול זיינען באַהאָפטן צוזאַמען (ווייל איך קען עס פאַרשטיין). אָבער ווען ס'איז ניט מצד מיין פאַרשטאַנד, נאָר צוליב דעם וואָס איך האָב עס מקבל געווען פון מיין טאַטע - "אלקי אבי", דאַן איז "וארוממנהו" - איז ער דערהויבען פון מיר, און איך בין דערווייטערט פון עם.

---

17. אין זיין פירוש על התורה פרשת וישלח לד, יג.

• • •

ווי באַוואוסט איז די כוונה פון מתן תורה געווען צו אַוועקנעמען די מחיצות וועלכע האָבן מפסיק געווען צווישן אונזער גשמיות'דיקע וועלט מיט די רוחניות'דיקע וועלטן (עולמות) למעלה. אַז מיר זאָלן קענען אַראָפּברענגען אַזאַ גרויסע און הייליקע ליכטיקייט פון ה' אין אונזער וועלט, וואָס האָט ביז דאַן געשיינט נאָר אין די רוחנית'דיקע וועלטן (עולמות).

דערפון איז פאַרשטאַנדיק אַז דער ציל פון מתן תורה איז געווען צו ברענגען צוזאַמען "עליונים" מיט "תחתונים". און ווי דער מדרש זאָגט, אז עס זאָל ווערן "התחתונים יעלו לעליונים והעליונים ירדו לתחתונים" דער חיבור צווישן "עליון" און "תחתון"[18]. דער סדר אָבער אין דעם איז אַז ערשט דאַרף זיין דעם "וירד ה' על הר סיני" - "עליונים ירדו לתחתונים", און נאָכדעם קען זיין "ואל משה אמר עלה וגו'" - "תחתונים יעלו לעליונים".

אַזוי אויך דאָ ביים מענטשן זיינען פאַראַן צוויי ענינים, דער ענין פון אמונה (גלויבן) און דער ענין פון השגת השכל (פאַרשטיין):

ווען די עבודה וואָס אַ מענטש טוט איז געבויט אויף אמונה איז דאָס ניט צוליב זיין פאַרשטאַנד, נאָר ער קריגט עס מלמעלה (אדער ווי דער לשון אין של"ה איז "קבלה איש מפי איש"). איז אַפילו אויב זיין אמונה איז שטאַרק, ווערט אָבער זיין גאַנצע מציאות נאָך אַלץ ניט פאַראייניקט מיט ה'. דוקא ווען דער מענטש האָרעוועט צו פאַרשטיין, וואָס דאָס קומט פון אים אליין, פון **זיין** מציאות, דאַן ווערט ער פאַראייניקט מיט דעם אויבערשטן.

18. זע פריער אין דעם שיחה פון פרשת יתרו.

פון אַנדער זייט אָבער, פאָדערט זיך אמונה (גלויבן) צו זיין דער יסוד און הקדמה צו שכל, צו פאַרשטיין. ווייל אויך די פאַרשטאַנד פון אַ איד מוז זיין געבויט אויף אמונה. דאָס הייסט, אפילו ווען אַ מצוה לייגט זיך אָפּ אין זיין שכל איז ער דאָס מקיים נישט ווייל **ער** פארשטייט דאָס, נאָר ווייל אזוי וויל דער אויבערשטער (צו מקיים זיין מצות מיט אמונה און קבלת עול מלכות שמים).

• • •

דערמיט וועט מען פאַרשטיין פאַרוואָס פרשת יתרו קומט פריער און דערנאָך פרשת משפטים:

פרשת יתרו איז דער פרשה פון מתן תורה. די תורה איז געגעבן געוואָרען מלמעלה - "העליונים ירדו לתחתונים". דאַן האט זיך אויפגעטאָן ביי אידן דער ענין פון **אמונה.**

אָבער נאָך מתן תורה, האָט זיך אָנגעהויבן די עבודה פון "תחתונים יעלו לעליונים" - אַז אידן זאָלן האָרעווען צו פאַרשטיין תורה מיט זייער אייגענע שכל. דורכדעם ווערט דער גאַנצער מענטש (זיין קאָפּ און האַרץ) פאַראייניציקט מיט ה'[19].

צוליב דעם קומט די מצות פון משפטים גלייך נאָך מתן תורה: דאָס לערנט אונז אַז אפילו מצוות וועלכע לייגן זיך אָפּ אין שכל, דאַרף אַ איד זיי מקיים זיין צוליב **דער אָנזאָג פון ה'**, און נישט צוליב **זיין** פאַרשטאַנד.

19. זע תניא פרק ה.

**ההוראה:** אַ איד מוז סיי גלויבן מיט אמונה שלימה אין ה׳ און אין זיין תורה, און סיי נוצן זיין שכל אויף צו פאַרשטיין וויפיל ער קען פאַרשטיין. אָבער אפילו ווען ער פאַרשטייט אַ מצוה און איר טעם, דאַרף ער אָבער מקיים זיין די מצוה מיט אמונה און קבלת עול, און נישט צוליב זיין פאַרשטאַנד[20].

20. לקוטי שיחות חלק טז עמוד 242 ואילך

ספר ברה מינץ.indd 74 06/08/2008 20:31:48

# פרשת תרומה

פרשת תרומה רעדט זיך וועגן די משכן וואָס די בני ישראל זיינען אָנגעזאָגט געוואָרען צו בויען אין מדבר, און וועגן אַלע פרטים וועלכע זיינען נוגע צו דעם משכן און אירע כלים.

די פרשה הויבט זיך אָן מיט דעם ציווי פון דעם אויבערשטן צו די בני ישראל צו ברענגען "זהב וכסף ונחושת וגו'" - גאָלד, זילבער און קופער א.אַ.וו. דרייצן (אָדער פופצן) זאַכן פון וואָס זיי זאָלן מאַכן אַ משכן פאַר'ן אויבערשטן.

נאָכדעם ווי די תורה רעכנט אויס אַלע זאַכן וואָס די אידן האָבן געדאַרפט ברענגען, שטייט אין פסוק "ועשו לי מקדש" - איר זאָלט מאַכן פאַר מיר אַ משכן. און דער אויבערשטער זאָגט צו "ושכנתי בתוכם" - אַז ער וועט רוען אין דעם פלאַץ וואָס וועט געבויט ווערן פאַר עם.

**השאלה:** לכאורה האָט פריער געדאַרפט שטיין דעם ציווי "ועשו לי מקדש" - צו בויען די משכן און ערשט דערנאָך זאָל דער פסוק זאָגן וואָס די בני ישראל האָבן געדאַרפט ברענגען כדי צו אויספירן דעם ציווי. אין אַנדערע ווערטער: ערשט וואָלט געדאַרפט שטיין דער כלל - צו בויען דעם משכן, און דערנאָך די פרטים - מיט וואָס מען קען עס מקיים זיין. ווי אַ מענטש וואָס וויל בויען אַ שטוב, ערשט איז ער מחליט צו בויען דעם שטוב און ער מאכט די פלענער ווי עס צו מאַכן, און ערשט דערנאָך קויפט ער די זאַכן מיט וואָס ער וועט עס בויען.

**הביאור:** דער תכלית פון הקמת המשכן איז געווען, ווי דער פסוק פירט אויס, "ושכנתי בתוכם" - אַז די שכינה זאָל רוען אין (דעם משכן, און דורך דעם אין) דער וועלט.

בנוגע צו השראת השכינה אין וועלט געפינט מען צוויי מאמרי חז"ל:

אין איין אָרט שטייט[21] אַז דורך דעם וואָס "וירד ה' על הר סיני" ביי מתן תורה האָט די שכינה גערוהט אין דער וועלט. אין אַן אַנדער אָרט זאָגן חז"ל[22]: אַז "אימתי שרתה השכינה בארץ" - ווען האָט די שכינה גערוהט אין דער וועלט? "ביום שהוקם המשכן" - אין דער טאָג וואָס די משכן איז געבויט געוואָרן.

עס איז פאַרשטאַנדיק אַז "מר אמר חדא ומר אמר חדא ולא פליגי" - ס'ניטאָ קיין מחלוקת צווישן די צוויי מאמרי חז"ל, נאָר ביידע רעדן אין צוויי באַזונדערע פונקטן (נקודות) ?

די השראת השכינה וואָס איז פאָרגעקומען באַ מתן תורה איז געווען "מלמעלה", מצד דעם אויבערשטן. אָבער די השראת השכינה וואָס איז פאָרגעקומען ביים הקמת המשכן איז אויפגעטאָן געוואָרן דורך דעם וואָס "**ועשו** לי מקדש" - דאָס הייסט, דורך די עבודה פון אידן[23].

עס איז דאָך באַוואוסט אַז די כוונה פון מתן תורה איז געווען אַז אידן זאָלן אַראָפּברענגען די שכינה דאָ למטה אין **דער** וועלט דורך **זייערע** עבודה אין קיום המצות. זיי האָבן טאַקע געדאַרפט האָבן אויף דעם די

21. מדרש רבה, שמות פ' יב, ג.

22. מדרש רבה, במדבר פ' יג, ב.

23. וואס דער אונטערשייד צווישן זיי איז: די קדושה וואס קומט נאר "מלמעלה" בלייבט ניט שטענדיק. צוליב דעם דערציילט אונז דער תורה אז "במשוך היובל המה יעלו בהר" - אז נאך מתן תורה איז הר סיני שוין נישט געבליבן הייליק. בשעת אבער די קדושה קומט "מלמטה", דורך עבודת האדם, דעמאלט בלייבט די קדושה אויף אייביק.

כחות מלמעלה, וואָס איז אויפגעטאָן געוואָרען דורך מתן תורה, אָבער דער עיקר איז געווען צו אויפטאָן אַז די שכינה זאָל רוען אין אונזער וועלט דורך **זייערע** עבודה.

לויט דעם איז פאַרשטאַנדיק די גרויסקייט און וויכטיגקייט פון דעם וואָס די אידן האָבן געבראַכט זייערע נדבות אויף צו קענען בויען דעם משכן. ווייל דוקא אין דעם דריקט זיך אויס די כוונה פון מתן תורה - אַז די השראת השכינה זאָל זיך אויפטאָן דורך די עבודה פון די בני ישראל.

דערפאַר הויבט זיך אָן אונזער פרשה מיט דערציילן וועגן די תרומות פון בני ישראל אויף צו בויען די משכן, ווייל דאָס איז טאַקע געווען דער יסוד און דער וויכטיקסטער טייל פון הקמת המשכן - אַוועקגעבן זייערע גשמיות'דיקע זאַכען צו אויפטאָן דעם השראת השכינה. ערשט דערנאָך זאָגט דער פסוק "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם", אַז דורך די עבודה פון בני ישראל וועט זיך אויפטאָן די השראת השכינה - "ושכנתי בתוכם".

• • •

דערמיט ווערט פאַרענטפערט נאָך אַ שאלה:

עס איז דאָך באַוואוסט, אַז די נאָמען פון אַ פרשה באַדייט די תוכן פון דעם פרשה. לויט דעם וואָלט די נאָמען פון אונזער פרשה געדאַרפט זיין וועגן דעם משכן אַליין און ניט מיט'ן נאָמען "תרומה" וואָס באַדייט מערניט ווי דעם אָנהייב פון פרשה וואָס איז לכאורה מער ניט ווי אַ "דבר טפל" - וועגן די זאַכן וואָס די בני ישראל האָבן געבראַכט אויף

ספר הרב מינץ.indd 77 06/08/2008 20:31:48

צו בויען די משכן. איז פאַרוואָס איז דער נאָמען פון פרשה ניט וועגן די **בויען** פון משכן?

אָבער לויט דעם ווי מ'האָט פריער ערקלערט, איז פאַרשטאַנדיק פאַרוואָס די פרשה ווערט אָנגערופן מיט'ן נאָמען "תרומה": ווייל די גאַנצע ענין פון הקמת המשכן איז געווען אַז עס איז געקומען דורך די עשי' פון בני ישראל; די **תרומה** פון די אידן צו בויען די משכן איז געווען אַן עיקר אין משכן און אין דעם איז געווען אָפּהענגיק די השראת השכינה וואָס האָט זיך אויפגעטאָן דורך דעם.

**ההוראה:** דער אויבערשטער וויל אַז מיר זאָלן אויפטאָן אין וועלט דורך **אונזער** עבודה. עס איז ניט גענוג וואָס מיר באַקומען כחות און ברכות פון ה', אָדער פון אונזערע עלטערן און מחנכים. מיר דאַרפן אַליין טאָן מיט אונזער אייגענע כחות, סיי אין לימוד התורה און סיי אין קיום המצות, אויף צו אויפטאָן דעם השראת השכינה אין וועלט.

אין דעם זכות, וועלן מיר זוכה זיין צו די גרעסטע השראת השכינה אין דער וועלט מיט דער גאולה האמיתית והשלימה בקרוב ממש[24].

24. לקוטי שיחות חלק כא ע' 146.

ספר הבר מינע.indd 78 06/08/2008 20:31:48

# פרשת תצוה

פרשת תצוה איז דער איינציקע סדרה אין תורה, פון ווען משה איז געבאָרן געוואָרן (אין פרשת שמות), אין וועלכע עס ווערט ניט דערמאָנט דער נאָמען פון משה רבנו[25].

דער בעל הטורים שרייבט[26]: אַז דער טעם אויף דעם איז ווייל משה האָט געזאָגט צום אויבערשטן אַז אויב דער אויבערשטער וועט ניט מכפר זיין די אידן אויפ'ן חטא העגל, איז "מחני נא מספרך אשר כתבת" - מעק אויס מיין נאָמען פון תורה. איז דאָס מקויים געוואָרען אין אונזער פרשה, ווייל די ווערטער פון אַ צדיק ווערן מקויים אַפילו ווען זיי זענען געזאָגט געוואָרען אויף אַ תנאי[27].

און וויבאַלד יעדער ענין אין תורה איז בדיוק, דאַרף מען זאָגן אַז דאָס וואָס פרשת תצוה איז אויסגעקליבן געוואָרען אַז דוקא אין דעם פרשה זאָל אויסגעפירט ווערן דאָס וואָס משה רבנו האָט געזאָגט "מחני נא מספרך", וואָס שטייט אין פרשת כי תשא, איז ווייל דער ענין איז פאַרבונדן מיט דער תוכן פון דעם פרשה.

**השאלה:** דאַרף מען פאַרשטיין וואָס איז די שייכות צווישן דער ענין פון "מחני נא מספרך" מיט'ן תוכן פון אונזער פרשה, וואו עס רעדט זיך וועגן דעם ציווי פון אָנצינדן די מנורה, צוגרייטן די בגדי כהונה, מחנך זיין אהרן און זיינע קינדער פאַר די עבודה אין משכן, און מאַכן די מזבח הקטורת? פאַרוואָס איז דוקא אונזער פרשה אויסגעקליבן

25. ביז משנה תורה (ספר דברים), אין וועלכע געוויסע פרשיות דערמאָנען אויך ניט זיין נאָמען. אָבער וויבאַלד די ספר הויבט זיך אָן "ואלה הדברים אשר דבר משה" - גייט עס אויף גאַנץ "ספר דברים" (לקוטי שיחות חלק ב ע' 675).

26. אין אָנהויב פרשת תצוה.

27. גמרא, מכות יא, א.

געוואָרען צו זיין די סדרה אין וועלכע עס ווערט ניט דערמאָנט משה'ס נאָמען?

**הביאור:** כדי צו פאַרענטפערן די שאלה דאַרף מען פריער ערקלערן דער תוכן פון די בקשה פון משה רבינו "מחני נא מספרך אשר כתבת":

דער גאַנצער ענין פון משה איז דאָך געווען תורה, ביז אז עס ווערט אָנגערופן אויף זיין נאָמען (ווי עס שטייט "זכרו **תורת משה** עבדי"[28]). איז דערפון פאַרשטאַנדיק אַז אויסמעקן זיין נאָמען פון תורה איז אַ זאַך וואָס רירט אָן דער גאַנצער מציאות פון משה. אויב אַזוי, ווי קומט עס אַז משה רבינו איז געווען גרייט צו אַרויסנעמען זיין נאָמען פון גאַנץ תורה? ובפרט אַז משה האָט דאָך גאָרניט געהאַט צו טאָן מיט דער חטא העגל; ער איז געווען אין יענע צייט אויף הר סיני?!

נאָר דער ענטפער אויף דעם איז: אַלץ רועה ישראל איז משה רבינו געווען איין זאַך מיט כלל ישראל, ביז אַז ס'איז ניט שייך צו פאַרנאַנדער-טיילן אים פון אידן. ווי רש"י שרייבט[29] "משה הוא ישראל וישראל הם משה" - משה און די אידן זיינען איין זאַך. דערפון איז פאַרשטאַנדיק אַז בשעת די אידן האָבן געזינדיגט ביים חטא העגל האָט עס גע'פועל'ט אַ ירידה אין משה.

וויבאַלד אז משה רבנו'ס פאַרבונד מיט בני ישראל איז געווען שטאַרקער ווי זיין פאַרבונד מיט תורה, איז זיין מסירת נפש פאַר אידן געווען העכער און שטאַרקער ווי זיין מסירת נפש אויף תורה. דערפאַר איז ער געווען גרייט אַז מ'זאָל אויסמעקן זיין נאָמען פון תורה, אויב דער אויבערשטער וואָלט ניט מכפר געווען די אידן (אַפילו אַזעלכע

28. מלאכי ג, כב

29. אין פרשת חוקת כא, כא.

אידן וועלכע זיינען געווען גרייט צו דינען עבודה זרה).

• • •

לויט דעם וועט מען פאַרשטיין פאַרוואָס דוקא פרשת תצוה איז אויסגעקליבן געוואָרען אויף זיין די פרשה אין וועלכע עס ווערט ניט דערמאָנט משה רבינו'ס נאָמען:

א נאָמען פון אַ מענטש איז נישט דער אמת'ע עסענס פון דער מענטש. א נאָמען איז מערניט כדי אַז אַ צווייטער זאָל אים קענען רופן. אָבער דער מענטש אַליין איז העכער און טיפער ווי זיין נאָמען.

אין אונזער פרשה ווערט טאַקע די נאָמען פון משה ניט דערמאָנט. אָבער צוזאמען דערמיט ווערט אין איר ארויסגעזאגט א העכערע און טיפערע חלק פון משה, די עסענס און "עצמות" פון משה, וואס איז העכער פון זיין נאָמען. און דאס איז די עסענס פון משה רבנו אַלץ רועה ישראל, וואס פאַרבינדט און פאַראייניציקט אַלע אידן צוזאַמען, און איז גרייט אפילו צו זיך מוסר נפש זיין פאר אַ אידן וואָס איז דורגעפאַלן אין אַ האַרבע חטא, ווי חטא העגל.

דאָס דריקט זיך אויס אין אונזער פרשה וואו מיר געפינען אַז די עבודות אין משכן, אויך די וועלכע זיינען געטאָן געוואָרען דורך אהרן הכהן, זיינען אָבער אַדורכגעגאַנגען משה, ווי מיר זען אויספירלעך אין דער פרשה:

***"ויקחו אליך שמן זית זך כתית למאור להעלות נר תמיד":***

כאָטש אהרן הכהן איז געווען דער וואָס האָט אָנגעצונדן די מנורה, האָבן די אידן אָבער געדאַרפט ברענגען די שמן צו משה דוקא. ווייל אהרן האָט נאָר געקענט ווירקן אויף די וועלכע זיינען שוין שייך צו דער עבודה פון די מנורה, צו לייכטן מיט "נר מצוה ותורה אור". אָבער

משה (וואָס האָט פאַראייניציקט אַלע אידן צוזאַמען) האָט געקענט דערגרייכן אויך די וועלכע געפינען זיך אין אַ נידעריקע צושטאַנד אין זייער עבודת ה'. דעריבער "ויקחו אליך", צו משה דוקא.

***"ואתה הקרב אליך את אהרן אחיך ואת בניו אתו . . לכהנו לי: ועשית בגדי קדש לאהרן אחיך":***

כאָטש די ציווים זיינען שייך לכאורה צו אהרן אַליין, במילא פאַרוואָס איז נויטיק אַז עס זאָל דורגעפירט ווערן דוקא דורך משה? נאָר וויבאַלד אַז אהרן איז געווען שייך צו עבודת הכהונה, איז ער געווען פאַרבונדן מיט מענטשן וועלכע האָבן געהאַט מער אַ שייכות צו עבודת ה' אויף אַ העכערע מדרגה. דעריבער האָט דער אויבערשטער געוואָלט אַז די הכנות און חינוך פון אהרן און זיינע קינדער צו עבודת הכהונה זאָל אַדורכגיין משה דוקא, וויבאַלד אַז דורך אים האָבן אַלע אידן געקענט האָבן אַ שייכות צו די כהונה, וויבאַלד אַז ער האָט פאַראייניציקט אַלע אידן צוזאַמען.

***"ועשית מזבח מקטר קטורת":***

גלייך נאָך דעם חינוך פון אהרן פאַר די כהונה שטייט וועגן דער ציווי פון דער מזבח הפנימי אויף וועלכע מען האָט מקריב געווען די קטורת. וואָס לכאורה האָט עס געדאַרפט שטיין פריער אין פרשת תרומה (צוזאַמען מיט דער ציווי אויף דער מזבח החיצון און אַלע כלי המשכן). נאָר תורה שטעלט עס גלייך נאָך די פסוקים וועגן כהונת אהרן (דורך משה) ווייל צווישן די סממני הקטורת זיינען געווען זאַכן וועלכע האָבן געהאַט א ניט-גוטע ריח, און פון דעם לערנען חז"ל[30] אַז מיר מוזן אַריינעמען מיט אונז אלע אידן אפילו די וועלכע זיינען

30. אין גמרא כריתות ו, ב "כל תענית שאין בה מפושעי ישראל אינה תענית. שהרי חלבנה ריחה רע, ומנאה הכתוב עם סממני הקטורת".

"פושעי ישראל". וואָס דאָס איז דאָך געווען דער ענין פון משה רבנו, ווי פריער געזאָגט.

דעריבער איז דוקא דער פרשה אויסגעקליבן געווארען אויף זיין די פרשה אין וועלכע ס'ווערט ניט דערמאָנט משה רבינו'ס נאָמען. ווייל כָאטש זיין נאָמען ווערט נישט דערמאָנט, ווערט אָבער זיין עסענס (עצמות) יָא דערמאָנט.

און דאס מיינט דער פסוק: "ואתה תצוה את בני ישראל": אַז דוקא "ואתה", דו (משה) - וואָס באַדייט די עסענס פון משה רבנו, "תצוה" קען פארבינדן אַלע אידן צוזאמען[31], אפילו די וועלכע קענען אַדורכפאלן אין חטאים, אפילו אַזעלכע האַרבע חטאים ווי חטא העגל.

---

**ההוראה:** פון דעם קען מען לערנען גאָר אַ געוואַלדיקע הוראה אין עבודת ה':

אַזוי ווי משה רבינו איז געווען גרייט צו איינגעבן אויף זיין עיקר'דיקע זאַך אין לעבן, זיין פאַרבונד מיט תורה, צוליב ראַטעווען אידן. אַזוי אויך דאַרפן מיר אַזוי פירן. נישט נאָר דאַרפן מיר האָבן אהבת ישראל, פאַר יעדער איד און אַלע אידן, נאָר מיר מוזן האָבן מסירות נפש אויף דעם, ווי משה רבנו[32].

---

31. ווי באַוואוסט אַז דער וואָרט "תצוה", באַדייט אויך "צוותא" - אַ פארבינדונג.

32. לקוטי שיחות חלק כא עמוד 173 ואילך.

ספר הרבנים.indd 83 06/08/2008 20:31:48

# פרשת תשא

אין פרשת כי תשא ווערט דערציילט אַז נאָכדעם ווי די אידן האָבן באַקומען די תורה ביים באַרג סיני, איז משה אַרויף צו באַקומען די גאַנצע תורה פאַר די אידן. אָבער ווען משה איז ניט אַראָפּגעקומען ווען די אידן האָבן געמיינט אַז ער וואָלט געדאַרפט אַראָפּקומען, האָבן זיי געוואָלט מאַכן און דינען, רחמנא ליצלן, די עגל הזהב.

חטא העגל איז פון די האַרבסטע עבירות וואָס די אידן האָבן געטאָן, ביז אַז חז"ל זאָגן[33] אויף דעם אַז: "אין פורענות באה על ישראל שאין בה קצת מפרעון עון העגל" - אַז אַלע ניט־גוטע זאַכן וואָס טרעפן צו אידן זיינען אויך פאַרבונדן מיט'ן חטא העגל.

**השאלה:** ווי קומט עס אַז די פרשה אין וועלכע עס ווערט דערציילט וועגן אַזאַ גרויסע עבירה ווי חטא העגל, ווערט אָנגערופן מיטן נאָמען "כי תשא (את ראש בני ישראל)" - וואָס באַדייט אַז אידן האָבן אַ נשיאת ראש, זיי ווערן דערהויבן?

**הביאור:** צו ענפערן די שאלה דאַרף מען פריער מקדים זיין אַ כללית'דיקע שאלה וועגן דעם חטא העגל:

וועגן חטא העגל זעהט מען, אַז די זעלבע אידן וועלכע האָבן דורכגעפאַלן ר"ל אין דינען דעם עגל האָבן אַליין געזעהן די נסים ונפלאות פון ה' בשעת יציאת מצרים און קריעת ים סוף. זיי האָבן אויך געווען בא "מעמד הר סיני" ווען דער אויבערשטער האָט זיך צו זיי אַנטפּלעקט און געגעבן די תורה. ווי קען זיין אַז פערציק טעג נאָך מתן

33. גמרא אין סנהדרין קב, א. ווי רש"י דערמאָנט עס אין אונזער פרשה (לב, לד).

תורה האָבן אָט די זעלבע מענטשן געווען גרייט צו דינען דעם "עגל הזהב"?

זאָגט אויף דעם די גמרא[34] "לא עשו ישראל את העגל אלא ליתן פתחון פה לבעלי תשובה... לא היו ישראל ראויין לאותו מעשה" - מצד זייער מצב ברוחניות זיינען די אידן טאַקע ניט געווען שייך צו עובר זיין אויף אַזאַ האַרבע עבירה. ווי רש"י איז דאָרט מפרש אַז "אלא גזירת מלך היתה" - עס איז געווען אַ "גזירה" פון דעם אויבערשטן אַז אידן זאָלן דורכפאַלן מיט דעם חטא; "כדי ליתן פתחון פה לבעלי תשובה" - כדי צו אונז אויסלערנען וועגן דעם ענין פון תשובה; "שאם יאמר החוטא לא אשוב שלא יקבלני" - אויב אַ מענטש וועט עובר זיין אַן עבירה וועט ער מיינען אַז ער קען נישט תשובה טאָן; "אומרים לו: צא ולמד ממעשה העגל, שכפרו ונתקבלו בתשובה" - לערנט מען אָפּ פון מעשה העגל אַז כאָטש די אידן האָבן דורכגעפאַלן מיט אַזאַ חטא האָט דער אויבערשטער זיי מכפר געווען.

דער ענין פון "ליתן פתחון פה לבעלי תשובה" מיינט ניט נאָר צוליב די בעלי תשובה אין שפעטערדיקע דורות, נאָר אויך די אידן אין יענעם צייט גופא וועלכע האָבן דורכגעפאַלן אין חטא העגל, זאָלן קענען צוקומען צו די מעלה פון תשובה.

די אידן אין צייט פון מתן תורה זיינען געווען אין די דרגא פון צדיקים. די גרויסע ניסים וואָס זיי האָבן געזען ביי יציאת מצרים און קריעת ים סוף און די גרויסע גילויים פון מתן תורה האָבן געהאַט אַ שטאַרקע אַיינדרוק אויף זיי און זיי זיינען נישט געווען שייך צו עבירות און (במילא) צו עבודת התשובה.

דער אויבערשטער האָט אָבער געוואָלט אַז די אידן זאָלן האָבן אַ

34. עבודה זרה ד, ב.

חלק אין עבודת ה׳, און האָרעווען מצד זיך אַליין. אַז זיי זאָלן קענען דערגרייכן אַ הויכע מדריגה אין עבודת ה׳, ניט נאָר מצד די ג־טליכע גילויים פון דעם אויבערשטן (ווי באַ מתן תורה) נאָר מיט זייער אייגענע האָרעוואַניע, דורך עבודת התשובה וואָס איז נאָך העכער ווי די עבודה פון צדיקים. ווי חז״ל זאָגן[35] אַז ״מקום שבעלי תשובה עומדין אין צדיקים גמורין יכולים לעמוד בו״ - דאָרט וואו בעלי תשובה שטייען קענען אַפילו צדיקים גמורים ניט שטיין.

וויבאַלד אַז די אידן זיינען ניט געווען שייך צו עבודת התשובה, ווייל זיי האָבן דאָך ניט געזינדיקט, האָט דער אויבערשטער גורם געווען אַז דער יצר הרע זאָל זיך שטאַרקן איבער זיי, כדי זיי זאָלן עובר זיין די עבירה (חטא העגל)[36]. און דורך זייער חרטה און עבודת התשובה נאָכ׳ן חטא, וועלן זיי האָבן אַ שטאַרקערער פאַרבונד מיט דעם אויבערשטן, זיי וועלן צוגעקומען צו די מעלה פון בעלי תשובה וואָס איז העכער פון עבודת הצדיקים.

אַן ענדליכע זאַך געפינט מען אין הלכה:

ביי דער דין פון אַ ״שטר שיצא עליו עוררין״: אַ שטר וואָס ס׳איז אַרויף אויף איר אַ ״עורר״ און טענה׳ט אַז עס איז ניט אַן אמת׳ן שטר, איז נאָכדעם ווי בית דין איז מעיין אין דעם און קומט צו דער מסקנא אַז ס׳איז אַ גוטער און אמת׳ער שטר, ווערט אָט דער שטר נאָך שטאַרקער ווי פריער. זעהט מען אַז די חשש אויפ׳ן שטר מאַכט עס נאָך שטאַרקער ווי פריער[37].

35. רמב״ם אין הלכות תשובה פרק ז הלכה ד.

36. און דאָס האָט געמוזט קומען מלמעלה, פון דעם אויבערשטן. ווייל אויב עס וואָלט געקומען פון דעם מענטשן אַליין, זאָגן דאָך חז״ל (משניות סוף יומא) אַז: ״האומר אחטא ואשוב, אין מספיקין בידו לעשות תשובה״.

37. ווי דער פריערדיקער רבי שרייבט (לקוטי דיבורים חלק ג ע׳ 780) ״אַז די שטאַרקייט פון דעם שטר הויבט זיך אָן פון דער צייט פון דעם ערעור״.

אַזוי אויך, דורך דעם וואָס די אידן האָבן דורכגעפאַלן מיט'ן חטא העגל און דערנאָך צוריקגעקומען און האָבן תשובה געטאָן, איז זייער פאַרבונד מיט'ן אויבערשטן געוואָרען נאָך שטאַרקער ווי פאַר'ן חטא.

דערמיט ווערט פאַרענטפערט פאַרוואָס אונזער פרשה ווערט אָנגערופן מיט'ן נאָמען "כי תשא": ווייל די דערהויבנקייט (נשיאת ראש) וואָס איז אויפגעטאָן געוואָרען באַ אידן דורך עבודת התשובה נאָכ'ן חטא העגל איז געווען נאָך העכער ווי די דרגא וואָס זיי זיינען געווען בשעת מתן תורה.

**ההוראה:** אַפילו בשעת אַ איד פאַלט דורך אַמאָל און איז עובר רחמנא –ליצלן אויף אַן עבירה, דאַרף ער ניט נתייאש ווערן. נאָר ער זאָל זיך אָפּלערנען פון די "מעשה העגל" ווי ער קען תשובה טאָן, און אַז דורך זיין תשובה קען ער דערגרייכן צו נאָך אַ העכערע מדריגה און זיין נאָך שטאַרקער פאַרבונדן מיט דעם אויבערשטן[38].

38. על־פי לקוטי שיחות חלק טז ע' 412. ספר השיחות תשנ"ב חלק ב ע' 423.

# פרשת ויקהל

אין אָנהויב פון פרשת ויקהל ווערט דערציילט ווי משה רבינו האָט צוזאַמען געקליבן די אידן און זיי אָנגעזאָגט וועגן דעם מצוה פון שבת: ווי עס שטייט: "ויקהל משה את כל עדת בני ישראל ויאמר אליהם, אלה הדברים אשר צוה ה' לעשות אותם, ששת ימים תעשה מלאכה וביום השביעי יהי' לכם קדש שבת שבתון".

**השאלה:** די אידן זיינען דאָך שוין אָנגעזאָגט געוואָרען אויף דעם ציווי פון שמירת שבת אין די עשרת הדברות. אויב אַזוי פאַרוואָס האָט משה רבינו נאָך־אַמאָל אָנגעזאָגט די אידן וועגן שבת אין אונזער פרשה?

**הביאור:** כדי צו ענטפערן דעם שאלה דאַרף מען פריער מקדים זיין וואָס די מפרשים זיינען מדייק אין לשון הפסוק "ששת ימים תעשה מלאכה". וואָס דער פסוק זאָגט "תֵּעָשֶׂה מלאכה" (מיט אַ ציר"י) און ניט "תַּעֲשֶׂה מלאכה" (מיט אַ פת"ח)?

דער חילוק צווישן "תֵּעָשֶׂה" און "תַּעֲשֶׂה" איז: תַּעֲשֶׂה מיינט אַז דער מענטש איז אינגאַנצן אַריינגעטאָן אין די מלאכה מיט אַ התעסקות (פאַרנומענקייט). תֵּעָשֶׂה מיינט אַז די מלאכה זאָל זיך אָפּ־טאָן פון זיך אַליין, בדרך ממילא[39].

ווען דער פסוק זאָגט "ששת ימים **תֵּעָשֶׂה** מלאכה" קומט עס צו אונז אויסלערנען: אַז ווען אַ איד פאַרנעמט זיך מיט זיין אַרבעט אין

39. ווי דער מכילתא זאָגט אַז "בזמן שישראל עושין רצונו של מקום, מלאכתן נעשית על־ידי אחרים".

88 פסר הרב מינע.indd 06/08/2008 20:31:49

די "ששת ימי החול" דאַרף עס געטאָן ווערן אין אַן אופן פון "תֵּעָשֶׂה" - אזוי ווי ס'וואָלט זיך אויפגעטאָן געוואָרען פון זיך אַליין. אַ מענטש דאַרף ניט זיין אינגאַנצן אַריינגעטאָן אין זיין אַרבעט מיט אַ התעסקות (פאַרנומענקייט).

ווי עס שטייט אין תהלים[40] "יגיע **כפיך** כי תאכל אשריך וטוב לך" - אַז די יגיעה וואָס דער מענטש האָרעוועט פאַר זיין פרנסה, דאַרף זיין מער ניט ווי מיט די הענט ("**כפיך**"). ווייל די קאָפּ און די האַרץ דאַרפ'ן ליגן אין תורה און מצות. ווען אַ מענטש פאַרנעמט זיך מיט זיין אַרבעט מערניט ווי מיט זיינע הענט, דעמאָלט זאָגט צו תורה אַז ס'וועט זיין "אשריך וטוב לך".

און דאָס איז דער פשט אין פסוק "ששת ימים **תֵּעָשֶׂה** מלאכה וביום השביעי יהי' לכם קדש שבת שבתון" - כדי דער שבת זאָל קענען זיין ווי עס דאַרף צו זיין, מוז ערשט זיין די הקדמה פון ששת ימי החול, אַז די פרנסה און גשמיות'דיקע זאַכן זאָלן זיך פירן אין אַן אופן פון "תֵּעָשֶׂה". ווען אַ מענטש פירט זיך אַזוי במשך די זעקס טעג פון וואָך, קען ער דערגרייכן צום "וביום השביעי יהי' לכם קדש שבת שבתון", עס לייכט באַ אים די ליכטיקייט פון שבת.

דערמיט וועט מען אויך פאַרשטיין פאַרוואָס דער פסוק נוצט אַ טאָפּעלטע לשון "שבת שבתון":

ווען אַ מענטש פירט זיך במשך די "ששת ימי החול" אין אַן אופן פון "תֵּעָשֶׂה מלאכה" האָט ער שוין דעמאָלט דעם אור פון שבת, אויך אין מיטן וואָך. במילא ווען עס קומט שבת, נאָך אַזאַ דערהויבענע "ששת ימי החול", איז עס פאַר עם "שבת שבתון" - אַ תוספת קדושה אין שבת.

---

40. קכח, ב.

ספר ברה מינע.indd 89 06/08/2008 20:31:49

לויט דעם וועט פאַרענטפערט ווערן די קשיא וואָס מען האָט פריער געפרעגט בנוגע דעם ציווי אויף שבת, וואָס לכאורה חזר'ט עס זיך איבער אין אונזער פרשה, כאָטש די אידן זיינען שוין אָנגעזאָגט געוואָרען אויף דעם אין די עשרת הדברות.

איז דער ענטפער אויף דעם: אין די עשרת הדברות זיינען די אידן נצטווה געוואָרען אויף **שמירת** שבת. אָבער דאָ אין אונזער פרשה איז ניט דער ציווי אויף שבת; נאָר ווי אַזוי קען מען צוקומען צו שבת; דורך דעם וואָס ער פאַרנעמט זיך אין זיין פרנסה במשך די וואָך אין אַ אופן פון "תֵּעָשֶׂה מלאכה".

• • •

רש"י אין אונזער פרשה שרייבט אַז "ויקהל משה" איז געווען אויף־מאָרגן נאָך יום כיפור, ווען משה רבינו איז אַראָפּגעקומען פון הר סיני. פון דעם איז פאַרשטאַנדיק אַז דער אָנזאָג אין אָנהויב פון אונזער פרשה וועגן שבת האָט אַ שייכות מיט די כפרה אויפ'ן "חטא העגל":

וועגן דער חטא פון עבודה זרה זאָגט דער רמב"ם[41]: אַז ווייל דער אויבערשטער האָט איינגעשטעלט דער וועלט אין אַן אופן אַז זיין השפעה גייט אַדורך די כוכבים און מזלות (ווי די זון און לבנה), איז אַלץ תוצאה פון דעם האָבן מענטשן "טועה" געווען און געמיינט אַז די כוכבים און מזלות האָבן אַ אייגענע דעה און כח, און דערפאַר האָבן זיי געדינט די זון און לבנה.

אין חסידות[42] ווערט דערקלערט אַז ווען אַ מענטש טראַכט אַז זיין פרנסה און גשמיות'דיקע באַדערפענישן קומען צו עם צוליב **זיין** אַרבעט און זיינע אייגענע כחות, און במילא לייגט ער זיך איינגאַנצן

41. הלכות עבודה זרה פרק א הלכה א.

42. לקוטי תורה פרשת אחרי כז, ג. מאמר ד"ה מים רבים תשי"ז.

אַריין אין דעם און ער איז עס זייער מחשיב. איז דאָס אין אַ איידעלערן אופן אַ ענין פון עבודה זרה, חס ושלום.

אין אַנדערע ווערטער: דער ענין פון "תֵּעָשֶׂה מלאכה" וואָס אַ מענטש איז צופיל מחשיב זיין אַרבעט און במילא לייגט ער זיך אינגאַנצן אַריין אין דעם, איז דאָס צוליב דעם וואָס ער פילט אַז זיין פרנסה קומט צוליב **זיין** אַרבעט און ניט פון דעם אויבערשטן'ס ברכות.

דאָס איז אויך די שייכות פון "ויקהל משה" אין אונזער פרשה צו די כפרה פון "חטא העגל":

גלייך נאָך יום כיפור האָט משה רבינו אָנגעזאָגט די אידן "ששת ימים **תֵּעָשֶׂה** מלאכה" - אַז כדי צו פאַריכטען דעם זינד פון "חטא העגל" האָבן די אידן געדאַרפט גלויבן באמונה שלימה אַז דער אויבערשטער איז דער וואָס גיט זיי פרנסה, און דער מענטש דאַרף מער ניט ווי מאַכן אַ "כלי" אויף דעם, אָבער ניט ליגן אין דעם. וואָס דאָס איז דער היפך פון עבודה זרה און במילא אַ תיקון אויפ'ן "חטא העגל".

---

**ההוראה:** מ'דאַרף וויסן און געדענקן אַז אַלץ וואָס מיר האָבן אויף דער וועלט גיט עס אונז דער אויבערשטער. אפילו ווען מ'דאַרף אַרבעטן כדי עס צו קענען באַקומען, איז די אַרבעט מערניט ווי אַ "כלי" אויף צו קענען באַקומען דעם ברכת ה'. במילא דאַרף מען זיך ניט אַריינלייגן אין דעם אַרבעט, מערניט ווי "יגיע **כפיך**" - די הענט, אָבער ניט די קאָפּ און האַרץ, וואָס דאַרפן אַלעמאָל זיין פאַרנומען מיט תורה און מצות[43].

43. על־פי לקוטי שיחות חלק א ע' 187.

# פרשת פקודי

פרשת פקודי קומט בהמשך צו פרשת ויקהל. איןביידע פרשיות ווערט דערציילט ווי משה רבינו און די אידן האָבן געטאָן אַלץ וואָס דער אויבערשטער האָט זיי אָנגעזאָגט אויף בויען די משכן. אין די פרשיות ווערן אויסגערעכנט באריכות אַלע פרטים ווי די אידן האָבן צוגעגרייט די כלי המשכן און לבושי כהונה.

**השאלה:** אין פרשיות תרומה און תצוה שטייט שוין אַלע פרטים ווי די משכן דאַרף געבויט ווערן, און די תורה דערציילט שוין דאָרט ווי דער אויבערשטער האָט אָנגעזאָגט צו משה אַלע פרטים וועגן די כלי המשכן און לבושי כהונה.

לכאורה האָט דאָך די תורה געקענט זאָגן אין אונזער פרשה בקיצור, אַז די אידן האָבן געמאַכט די כלי המשכן און לבושי כהונה ווי דער אויבערשטער האָט אָנגעזאָגט צו משה. פאַרוואָס האָט די תורה געדאַרפט איבער'חזר'ן נאָכאַמאָל אין צענדליקע פסוקים אין אונזער פרשה (און אין פרשת ויקהל) די אַלע פרטים ווי די אידן האָבן געבויט די משכן פונקטליך ווי דער אויבערשטער האָט זיי געהייסן?

**הביאור:** דער תירוץ אויף דעם איז די זעלבע תירוץ וואָס ווערט געגעבן אויף אַן עדנליכע קשיא:

אין פרשת נשא ווערט דערציילט ווי די צוועלף נשיאים האָבן געבראַכט זייערע קרבנות. אויך דאָרט חזר'ט די תורה איבער צוועלף מאָל ווי יעדער נשיא פון יעדער שבט האָט געבראַכט פונקט דעם זעלבן קרבן ווי דער פריעדעקער נשיא. שטעלט זיך די שאלה: פאַרוואָס

ספר ברה מינע.indd 92 06/08/2008 20:31:49

ווערן די קרבנות פון די נשיאים איבערגע׳חזר׳ט צוועלף מאָל, און מיט אַלע פרטים? ס׳האָט געקענט שטיין אַז יעדער נשיא האָט געבראַכט דעם זעלבן קרבן ווי דער פריערדיקער נשיא.

נאָר דער סיבה פאַרוואָס די תורה שרייבט נאָכאַמאָל וואָס יעדער נשיא האָט געבראַכט איז, ווייל ווען יעדער נשיא האָט געבראַכט זיין קרבן האָט ער מיט דעם אויפגעטאָן אַן אַנדער ענין. יעדער נשיא האָט ממשיך געווען מיט זיין קרבן אַ נייע המשכה. דערפאַר קען ניט שטיין אין תורה אַז יעדער נשיא האָט געבראַכט דעם זעלבן קרבן ווי די פריערדיקע נשיאים; ווייל יעדער איינער פון זיי האָט געהאַט אַ נייע קרבן, מיט נייע המשכות.

אַזוי אויך קען מען ענטפערן אין אונזער פרשה:

דער משכן וואָס דער אויבערשטער האָט אָנגעזאָגט משה צו בויען, ווי עס ווערט באַשריבן אין פרשיות תרומה און תצוה, און דער משכן וואָס די אידן האָבן געמאַכט, ווי עס ווערט באַשריבן אין פרשיות ויקהל און פקודי, זיינען מרמז אויף צוויי באַזונדערע משכנות[44]. צוליב דעם ווערט דערציילט נאָכאַמאָל מיט אַלע פרטים, ווי די אידן האָבן צוגעגרייט די כלי המשכן און לבושי כהונה, אין פרשיות ויקהל און פקודי.

דער חילוק צווישן זיי איז: די כלי המשכן און לבושי כהונה ווי זיי זיינען געזאָגט געוואָרען אין פרשיות תרומה און תצוה איז געווען ווי דער אויבערשטער אַליין האָט עס אָנגעזאָגט צו משה (זייענדיק גאָר אַ הויכע נשמה, אין אַן אופן פון נבואה, שטייענדיק אויף באַרג

44. ווי עס שטייט אין מדרש רבה (במדבר רבה פרשה יב, יב): "אמר רבי סימון: בשעה שאמר הקב"ה לישראל להקים את המשכן רמז למלאכי השרת שיעשו אף הם משכן. ובעת שהוקם למטן הוקם למעלן והוא משכן הנער ששמו מטטרון שבו מקריב נפשותיהם של צדיקים לכפר על ישראל בימי גלותם".

סיני). אָבער די כלי המשכן און לבושי כהונה ווי זיי ווערן באַשריבן אין פרשיות ויקהל און פקודי זיינען געמאַט געוואָרען דורך אידן, דאָ למטה אין אונזער גשמיות'דיקע וועלט, מיט זהב וכסף ונחושת גשמיים.

(די צוויי משכנות זיינען מרומז אין אָנהויב פון אונזער פרשה: "אלה פקודי **המשכן, משכן** העדות". וואָס לכאורה וואָלט געדאַרפט שטיין "אלה פקודי משכן העדות". פאַרוואָס שטייט צוויי מאָל משכן? נאָר דאָס איז מרמז אויף די צוויי משכנות - דער משכן וואָס דער אויבערשטער האָט באַוויזן משה און דער משכן וואָס די אידן האָבן אַליין געבויט.)

ווען איז מקויים געוואָרען די הבטחה "ושכנתי בתוכם"? אין וועלכע משכן האָט זיך אויסגעפירט די תכלית וואָס דער אויבערשטער האָט געוואָלט? - דוקא אין דעם גשמיות'דיקן משכן וואָס רעדט זיך אין די פרשיות ויקהל און פקודי, און ניט אין די רוחניות'דיקע משכן וואָס ווערט געבראַכט אין פרשיות תרומה און תצוה. ווייל "נתאוה הקדוש ברוך הוא להיות לו יתברך דירה בתחתונים" - דער אויבערשטער האָט געוואָלט אַז דוקא דער וועלט - עולם הזה הגשמי - זאָל ווערן אַ וואוינונגס־אָרט פאַר דעם אויבערשטן, דאָס הייסט: עס זאָל זיין דורכגענומען מיט ג־טליכקייט.

• • •

לויט דעם וועט מען פאַרשטיין פאַרוואָס אין אָנהויב פרשה שטייט: "אלה פקודי המשכן, **משכן העדות**": די וואָרט "עדות" שטייט ניט ביים ערשטן מאָל "משכן" וואָס (רעדט זיך וועגן דער משכן וואָס) דער

אויבערשטער האָט באַוויזן צו משה, נאָר דוקא ביים צווייטן משכן וואָס די אידן האָבן געבויט. ווייל עדות איז נאָר שייך ווען אַ זאַך איז ניט אַנטפּלעקט; אויף אַן אָפענע און באַוואוסטע זאַך דאַרף מען ניט האָבן קיין עדות. דוקא ווען אַ זאַך איז באַהאַלטן, נישט דערוואוסט, דאַרף מען האָבן עדות.

אין דער משכן וואָס דער אויבערשטער האָט באַוויזן משה, איז ג־טליכקייט געווען בגלוי. האָט מען ניט געדאַרפט קיין עדות אויף דעם. דוקא די משכן וואָס די אידן האָבן געבויט אין די גשמיות'דיקע וועלט, וואו ג־טליכקייט און רוחניות איז באַהאַלטן, ווערט דער משכן אָנגערופן "משכן **העדות**".

און דאָס איז דער גאַנצע כוונה און תכלית: צו בויען אַ משכן פאַר'ן אויבערשטן דוקא אין אונזער גשמיות'דיקע וועלט, וואו ג־טליכקייט איז באַהאַלטן, כדי צו באַלייכטן די וועלט מיט די ליכטיקייט פון ה'.

---

**ההוראה:** אַ מענטש זאָל ניט זיין אַראָפּגעפאַלן באַ זיך און טראַכטן: ווי קען איך אויפטאָן אין וועלט צו אראָפּברענגען ג–טליכקייט? דאַרף מען וויסן און געדענקן אַז דוקא אין אונזער מצב און דוקא אין **דער** וועלט וויל דער אויבערשטער אַז מ'זאָל מאַכן אַ משכן לה', און דער אויבערשטער העלפט אונז און זאָגט צו אַז עס וועט זיין "ושכנתי בתוכם". און דורך דעם וועט מען זוכה זיין בקרוב צו דער "ושכנתי בתוכם" ביי די גאולה האמיתית והשלימה[45].

---

45. לקוטי שיחות חלק א ע' 195.

ספר ברה מינץ.indd 96 06/08/2008 20:31:49

# בשער הפרשה

# ספר
# ויקרא

# פרשת ויקרא

אין היינטיקן פרשה רעדט זיך ווי דער אויבערשטער האָט אָנגעזאָגט צו משה וועגן די מצוה פון ברענגען קרבנות. די פרשה הויבט זיך אָן "ויקרא אל משה וידבר ה' אליו . . דבר אל בני ישראל ואמרת אליהם: אדם כי יקריב מכם קרבן לה', מן הבהמה מן הבקר ומן הצאן תקריבו את קרבנכם" - ווען אַ מענטש ברענגט אַ קרבן צום אויבערשטן זאָל ער עס טאָן ווי עס שטייט אויספירלעך אין די ווייטערע פסוקים, מיט וואָס און ווי אַזוי ער זאָל עס ברענגען.

**השאלה:** שטעלט זיך די שאלה אין לשון פון פסוק "אדם כי יקריב מכם קרבן לה' ". אויב דער פירוש איז כפשוטו, אַז אַ מענטש פון אייך ("מכם") וועט מקריב זיין אַ קרבן, וואָלט געדאַרפט שטיין אין פסוק "אדם מכם כי יקריב". פאַרוואָס שטייט "אדם כי יקריב מכם"?

**הביאור:** ס'איז באַוואוסט וואָס דער אַלטער רבי איז מבאר[1] כדי צו ענטפערן דעם שאלה, אַז פונקט ווי עס איז פאַראַן די עבודה פון הקרבת הקרבנות בגשמיות, אַזוי איז אויך פאַראַן עבודת הקרבנות ברוחניות אין עבודת ה' פון א מענטש.

"קרבן" איז מלשון "קירוב" - נאָענטקייט. די תורה זאָגט אונז אָן, אַז "אדם כי **יקריב**" - ווען אַ מענטש וויל זיך דערנענטערן צום אויבערשטן; איז "**מכם** קרבן לה'" - דאַרף ער מקריב זיין פון זיך אַליין ("מכם"); "מן הבהמה מן הבקר ומן הצאן תקריבו את קרבנכם" - פון זיין 'בהמה' (זיין נפש הבהמית) דאַרף ער מקריב זיין אַ קרבן צו השם יתברך. דאַן וועט זיין "ירצה לקרבן לה'" - וועט ער זיך דערנענטערן צום אויבערשטן.

1. לקוטי תורה, פרשת ויקרא ד"ה אדם כי יקריב

בשעת אַ איד טראַכט זיך אַריין אין די גרויסקייט פון די ענין פון קרבנות, אַז דורך דעם קען ער זיך דערנענטערן צום אויבערשטן, קען ער באַ זיך פרעגן און וואונדערן: ווי קען איך, אַ פשוט'ער מענטש, ווערן נאָענט צום אויבערשטן? ווי קען ער אויפטאָן אַז זיין עבודה זאָל אָנגענומען ווערןביים אויבערשטן, עס זאָל זיין "ירצה לקרבן לה'"?

צו פאַרענטפערן די קשיא, איז דער פריערדיקע רבי מוסיף[2] אויפן פירוש פון אַלטער רבי'ן אין דעם וואָרט "מכם" און טייטשט: "מכם ובכם הדבר תלוי" - אַז עס איז אָפּהענגיק "מכם" פון אייך אַליין. ניט קוקנדיק אויף זיין רוחניות'דיקע צושטאַנד, קען אַ מענטש אויפטאָן דער ענין פון קרבנות (צו זיין נאענט צו ה') דורך זיין עבודה; "מכם ובכם הדבר תלוי" - ער מוז נאָר וועלן, און אַרבעטן אויף זיך, וועט ער קענען אָנקומען צו דער הויכע מדריגה אין עבודת ה'.

• • •

פונקט ווי מיר געפינען אין די סדר פון הקרבת קרבנות בגשמיות דריי זאַכן וועלכע דאַרפן געטאָן ווערן צום קרבן (בדיקה, שחיטה און הקרבת הקרבן על גבי המזבח), אַזוי איז אויך דאָ די דריי זאַכן ווי זיי זיינען ברוחניות באַ דעם מענטשן אין זיין עבודת ה':

א) **בדיקה**: פאַר דעם וואָס מען ברענגט דעם קרבן אויפ'ן מזבח דאַרף מען ערשט נעמען די בהמה און גוט בודק זיין כדי צו פאַרזיכערן אַז עס ניטאָ קיין מום, און ערשט דאַן קען עס זיין "ירצה לקרבן".

אין עבודת ה' מיינט עס, אַז נאָך איידער מען גייט צו מקריב זיין דעם נפש הבהמית, דאַרף מען ערשט נעמען די בהמה וואָס איז אין זיך - די נפש הבהמית - און עס גוט בודק זיין. ווען אַ מענטש וויל דערנענטערן

2. מאמר ד"ה באתי לגני תש"י פרק ב.

זיך צום אויבערשטן, דאַרף ער זיך פריער בודק זיין (׳בדיקה׳) זיינע ״מומים״ און זען וואס ער דארף פאַריכטן. ער דארף בודק זיין זיינע מחשבות, דיבורים און מעשים און זיי מתקן זיין. (און אויב ער קען נישט געפינען וואָס צו מתקן זיין, דאַרף באַ עם זיין דעם ענין פון ״וחטאתי נגדי תמיד״ - אפילו אויב ער האָט שוין תשובה געטאָן אויף זיינע עבירות, דאַרף ער נאָך-אַלץ תשובה טאָן און מתקן זיין די עבירות פון פריערדיקע יאָרן, אפילו פון די יאָרן פון פאַר בר מצוה).

ב) **שחיטה:** ווען מען איז זיכער אַז די בהמה איז אַ ״תמימה״, אָן אַ מום, דאַמאָלסט דאַרף מען שחט׳ן די בהמה. בשעת מען ׳שחט׳ די בהמה, בלייבט די גוף פון דעם בהמה גאַנץ, מען נעמט נאָר אַרויס איר חיות.

אַזוי אויך אין עבודת האדם ברוחניות: נאָך דעם וואָס מ׳איז מתקן די מומים, דאַרף זיין ׳שחיטה׳. מען דארף שחט׳ן די גוף און נפש הבהמית; מען דאַרף אַרויסנעמען די קאָך און חיות וואָס דער מענטש האָט אין גשמיות׳דיקע זאַכן. די גשמיות אַליין בלייבט נאָך גאַנץ (ווי בַּיים בהמה) אָבער ער פאַרנעמט זיך מיט גשמיות׳דיקע זאַכן אָן אַ קאָך. ער באנוצט זיך מיט גשמיות נאָר וויפל ער דאַרף פאַר זיין עבודת ה׳.

ווי די גמרא ברענגט[3] אַז רבא האָט געזאָגט אַז וויין און אַ גוטע ריח האָט מיר צוגעגעבן חכמה (אויף צו קענען בעסער לערנען און פאַרשטיין תורה). אַזוי אויך געפינט מען אין גמרא[4] אַז רב נחמן האָט געזאָגט אַז וויבאַלד ער האָט ניט געגעסן פלייש פון אַ בהמה, האָט ער ניט גוט מדקדק געווען אין די סברות ווען ער האָט געלערנט. זעט מען אַז די הייליקע חכמים האָבן גענוצט גשמיות מערניט ווי אויף צו קענען בעסער לערנען תורה און מקיים זיין מצות. וואָס דאָס איז דאָך

3. יומא עו, ב.

4. בבא קמא עב, א.

דער מצוה פון "בכל דרכיך דעהו" - אַז אין אַלע זאַכן וואָס אַ מענטש פאַרנעמט זיך זאָל ער זיי טאָן לשם שמים, און נאָכמער מאַכן פון אַלע זיינע גשמיות'דיקע זאַכן אַ מצוה און קדושה.

ג) **הקרבה:** אין סדר הקרבנות, נאָך דעם ווי מען 'שחט' דעם בהמה דאַרף מען עס מקריב זיין אויפן מזבח, וואו דער גוף פון די בהמה ווערט פאַרברענט דורכ'ן ג-טליכע פייער וואָס איז אַראָפּ געקומען מלמעלה.

אַזוי איז אויך אין עבודת ה': דער נפש הבהמית ווערט פאַרברענט דורך דעם ג-טליכן פייער וואָס איז אין די נשמה. דאָס מיינט, אַז דער נפש הבהמית אַליין ווערט דערנענטערט און באַקומט אַ ליבשאַפט צום אויבערשטן ווי דער נפש האלקית. ווי עס שטייט "ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך", און חז"ל טייטשן[5] אַז "בכל לבבך" מיינט "בשני יצריך" - מיט דער יצר טוב און יצר הרע.

און דאָס איז דער ענין פון עבודת הקרבנות אין עבודת האדם:

צום אַלעם ערשטן דאַרף אַ איד בודק זיין און פאַריכטן די 'מומים' פון דער נפש הבהמית (בדיקה). נאָך דעם דאַרף ער שחט'ן די בהמה, זיין נפש הבהמית. דורך דעם וואָס ער נעמט אַרויס די חיות פון די בהמה, די חיות וואָס ער האָט אין די ענינים פון זיין נפש הבהמית (שחיטה). דערנאָך קען ער מקריב זיין די בהמה (זיין נפש הבהמית) אויפ'ן מזבח. זיין נפש הבהמית קען עולה זיין אין דעם אויבערשטנ'ס פייער צוזאַמען מיט זיין נפש האלקית. אַז אויך דער נפש הבהמית זאָל דינען דעם אויבערשטן (הקרבה).

5. ברכות נד, א.

ספר הרב מינע.indd 101 06/08/2008 20:31:50

**ההוראה:** צו אַרויסנעמען די קאָך און חיות וואָס מען האָט אין גשמיות'דיקע זאַכן, און זיך באַנוצן מיט אַלע אונזערע גשמיות'דיקע זאַכן פאַר עבודת ה'. ניט נאָר אַז זיי זאָלן אונז ניט שטערן אין אונזער עבודת ה', נאָר אדרבה, זיי זאָלן אונז העלפן צו דינען דעם אויבערשטן[6].

6. על-פי לקוטי שיחות חלק א ע' 205

ספר ברה מינ.indd 102 06/08/2008 20:31:51

# פרשת צו

הייניטקע פרשה הויבט זיך אָן: "וידבר ה' אל משה לאמר" - און דער אויבערשטער האָט גערעדט צו משה אַזוי צוזאָגן; "צו את בני ישראל ואת בניו לאמר" - זאָג אָן די אידן אַזוי צו זאָגן; "זאת תורת העולה" - דאָס זיינען די דינים פון אַ קרבן עולה.

אין תורה געפינען מען דריי לשונות וואָס ווערט גענוצט צו אָנזאָגן אַ מצוה: א."דבר" ב. "אמור" ג. "צו".

"דבר" אָדער "אמור" זיינען אויך אַן אָנזאָג, אָבער פונדעסטוועגן ווען די תורה זאָגט דער לשון "צו" מיינט עס אַ שטאַרקערע אָנזאָג און אַ באַפעל.

**השאלה:** דאַרף מען פאַרשטיין: יעדער זאַך אין תורה איז דאָך מדוייק, איז פאַרוואָס דוקא דאָ ביי די מצוה זאָגט די תורה אַזאַ שטרענגע לשון פון "צו", וואָס מיינט אַז עס איז אַן אָנזאָג און אַ באַפעל[7]?

**הביאור:** וועט מען עס פאַרשטיין מיט פריער מקדים זיין וואָס ווערט ערקלערט אין חסידות אַז דער וואָרט "מצוה" איז פון לשון "צוותא וחיבור" - פאַרבינדן און באַהעפטן; ווייל דורך אַ מצוה באַהעפט מען זיך מיט דעם אויבערשטן.

פון דעם איז פאַרשטאַנדיק אַז כאָטש אַלע מצות שאַפן אַ פאַרבונד צווישן אַ מענטש מיט ה', בשעת אַ מצוה איז אָנגעזאָגט געוואָרען אין אַ לשון פון "צו" (וואָס האָט די זעלבע "שורש" ווי "מצוה") איז יעמאָלט

7. זע אויך רש"י אין אנהויב פרשה.

די פאַרבונד ("צוותא") מיט'ן אויבערשטן אַסאַך שטאַרקער. און צוליב דעם נוצט תורה דוקא ביי דער מצוה דער לשון "צו".

די מצוות וואָס ווערן גערעכנט אין אונזער פרשה זיינען מצות וועלכע נעמען אַדורך ניט נאָר די רוחניות'דיקע חלק פון מענטש, נאָר אויך די גאָר נידעריקסטער חלקים פון אַ מענטש און פון וועלט: סיי די מצוה פון פון צדקה און סיי די מצוה פון קרבנות.

ווען אַ מענטש גיט צדקה, גיט ער זיך אַוועק און פאַרבינדט זיך אינגאַנצן צום אויבערשטן. וויבאַלד ער גיט אַוועק געלט פאַר וועלכע דער **גאנצער מענטש** האָט געאַרבעט (ער האָט דאָך געאַרבעט פאַר דעם מיט זיין שכל, געפילן, און גוף); במילא נעמט אַדורך דער מצוה די גאַנצע מציאות פון דער מענטש, אויך זיין נפש הבהמית. אזוי אויך דער ענין פון קרבנות (וואָס איז מלשון "קירוב" - דערנענטערן) דערנענטערט ער זיך, און הויבט זיך אויף אינגאַנצן צום אויבערשטן. (אַנדערש איז אָבער ביי אַנדערע מצוות ווי תפילין, וואָס נעמט אַדורך נאָר געוויסע חלקים פון דער גוף פון דער מענטש; אָדער לערנען תורה וואָס נעמט אַדורך די קאָפּ פון אַ מענטש).

דעריבער ווערן די מצות אָנגעזאָגט געוואָרען מיט'ן לשון "צו", ווייל די פאַרבונד ("צוותא") מיט'ן אויבערשטן איז גרעסער און שטאַרקער, וויבאַלד עס נעמט אַדורך די גאַנצע מציאות פון דער מענטש.

צוליב דעם מאָנט זיך אויך א ספעציעלע סאָרט אָנזאָג אין תורה ביי די מצות, ווי רש"י זאָגט אין אָנהויב פון אונזער פרשה: ""ביותר צריך הכתוב לזרז במקום שיש בו חסרון כיס"; וויבאַלד עס קען אָנקומען מיט מערערע שוועריקייטן. אָבער צוזאַמען דערמיט, ווען דער מענטש איז מקיים די מצוות ("צו"), ווערט דערפון גאָר אַ שטאַרקע פאַרבונד ("צוותא") מיט ה'.

**ההוראה:** ווען מצות קומען אָן שווער צו מקיים זיין, דאַרף אַ מענטש וויסן אַז דוקא די מצוות טוען אויף נאָכמער ווי אַנדערע מצוות, און זיין פאַרבונד מיט ה' ווערט דערפון אַסאך שטאַרקער[8].

8. על-פי לקוטי שיחות חלק ז ע' 30. זע אויספירלעך די טיפע ביאורים אין מקור אין לקוטי שיחות.

# פרשת שמיני

הייניטיקע פרשה הויבט זיך אָן מיט די עבודה אין משכן אויפ'ן "יום השמיני למילואים". דערנאָך ווערט דערציילט ווי די צוויי זין פון אהרן (נדב ואביהוא) זיינען נפטר געוואָרען ווען זיי האָבן אַריינגעאנגגען אין משכן. און צום סוף פרשה ווערט גערבראַכט וועגן בהמות טהורות ביז צום איסור פון עסן שקצים ורמשים.

**השאלה:** די ענינים וואָס ווערן געברבראַכט אין אָנהויב פרשה, זיינען דאָך וועגן גאָר הויכע און הייליקע זאַכן:

**יום השמיני למילואים:**

יעמאָלט האָט מען אויפגעשטעלט דעם משכן און אים ניט פאַרנאַנדערגענומען[9], וואָס דאָס באַדייט אַ העכערע דרגא אין הקמת המשכן. דוקא אין יענעם טאָג איז "ירדה אש מן השמים" - אַ פייער איז אַראָפגעקומען פון הימל, וואָס מ'געפינט עס ניט באַ די פריערדיקע טעג (פון שבעת ימי המילואים).

**מיתת שני בני אהרן:**

ווי באַוואוסט זיינען די בני אהרן נפטר געוואָרען ווייל זיי האָבן געדינט דעם אויבערשטן אויף זייער אַ הויכע מדריגה, עד כדי כך אַז זייער גוף האָט ניט געקענט באַנעמען די גאָר הויכע דרגא וואו זייער נשמה האָט דערלאַנגט (זייער נשמה האָט זיך אַזוי געצויגן צום אויבערשטן ביז דער נשמה האָט (אַזוי צו זאָגן) אַנטלאָפן פון זייער גוף, און פון דעם) זיינען זיי נפטר געווארן.

9. ניט ווי די פריערדיקע טעג (אין די שבעת ימי המילואים) וואָס מען האָט אויפגעשטעלט און פאַרנאַנדערגענומען די משכן יעדער טאג ביז דער יום השמיני למילואים.

פונדעסטוועגן זעהט מען אַז נאָכדעם אין **די זעלבע** פרשה ווערט גערבראַכט וועגן דעם איסור פון אכילת שקצים ורמשים, אַ גאָר נידעריקע און טמא'דיקע זאַך, וואָס אַפילו לויט'ן מענטשליכן פאַרשטאַנד איז עס אַ מיאוס'ע זאַך.

שטעלט זיך די שאלה: ווי שטימען די ענינים אין איין פרשה? וואָס איז די קשר צווישן זיי?

**הביאור:** אין סיום הפרשה, נאָכדעם ווי די תורה זאָגט-אָן וועגן די איסור אכילת שקצים ורמשים, שטייט אין פסוק: "כי אני ה' המעלה אתכם מארץ מצרים להיות לכם לאלקים והייתם קדושים כי קדוש אני". רש"י איז מפרש: "על מנת שתקבלו מצותי העליתי אתכם" - אַז דער אויבערשטער האָט אונז אַרויסגענומען פון מצרים בתנאי אַז מיר זאָלן מקיים זיין זיינע מצות, וואָס דאָס איז דער ענין פון קבלת עול.

דאָס לערנען מיר פון די סדר פון די ענינים אין אונזער פרשה:

אַפילו ווען אַ מענטש האַלט ביי גאָר הויכע מדרגות, מאָנט תורה אַז ער זאָל האָבן קבלת עול מלכות שמים. ניט סומך זיין אויף זיין שכל און פאַרשטאַנד, אַפילו אין גאָר הייליקע זאַכן, נאָר מקיים זיין דעם רצון ה' מיט קבלת עול. ווייל אויב ס'פעלט אין קבלת עול קען אַ מענטש, מיט דער צייט, אַראָפּפאַלן חס ושלום ביז ער קען דערגרייכן אַ מצב פון אכילת שקצים ורמשים, רחמנא ליצלן.

**ההוראה:** די איינציקע וועג אַ מענטש קען זיין פאַרזיכערט אין זיין עבודת ה׳, אַז ער טוט אַלץ ריכטיג, איז עס דוקא דורך קבלת עול. ווייל אָן קבלת עול, קען אַ מענטש האַלטן ביי גאָר הייליגע מדרגות און קען נכשל ווערן חס ושלום, אַפילו אין גאָר נידעריקע עבירות[10].

10. לקוטי שיחות חלק א ע׳ 227

# פרשת תזריע

היינטיקע פרשה הויבט זיך אָן מיט'ן מצוה פון אַ ברית מילה: אַז ווען אַ קינד ווערט געבאָרען דאַרף ער האָבן אַ ברית. אָבער דער ענין רעדט זיך נאָר אין די ערשטע פּאָר פסוקים פון פרשה. מערסטע פון פרשה רעדט זיך וועגן די דינים פון אַ מצורע.

**השאלה:** לכאורה דאַרף מען פאַרשטיין: די נאָמען פון אַ פרשה איז דאָך ניט נאָר איינע פון די ערשטע ווערטער פון די פרשה; נאָר די נאָמען ברענגט דאָך אַרויס די גאַנצע אינהאַלט וואָס איז אין פרשה. איז פאַרוואָס אונזער פרשה - וואָס מערסטע פון פרשה רעדט זיך וועגן אַ מצורע און נאָר אַ פּאָר פסוקים פון די פרשה רעדן וועגן אַ קינד וואָס ווערט געבאָרען - ווערט די פרשה אָנגערופען מיטן נאָמען תזריע, וואס איז פאַרבונדן מיט די געבורט פון אַ קינד?

נאָכמער: דער נאָמען פון פרשה איז "אשה כי **תזריע**" - ווען ס'וועט געבאָרן געוואָרען אַ קינד צו אַ פרוי, וואָס איז וועגן אַ נייע לעבן, אַ נייע נשמה, וואָס קומט אַראָפּ אויף דער וועלט. איז דאָס לכאורה פונקט פאַרקערט פון וואָס די פרשה רעדט, וועגן אַ מצורע וואָס איז דער ענין פון "מת", ווי די גמרא זאָגט אַז: "מצורע חשוב כמת", אַ מצורע איז גערעכענט ווי אַ מת?

**הביאור:** דער טעם פאַרוואָס דער אויבערשטער גיט עונשים איז ניט ח"ו צו נעמען נקמה פון אַ איד (אַז וויל ער האָט געטאָן אַן עבירה, גיט דער אויבערשטער אויף דעם אַן עונש), אָדער צו מאַכן זיכער אַז דער איד זאָל עס ניט טאָן נאָכאַמאָל. נאָר דער טעם פאַרוואָס דער

אויבערשטער שטראָפט אַ מענטש איז צו פאריכטן זיין נשמה.

ווי דער רמב"ם שרייבט[11] אַז ווען אַ מענטש זאָגט לשון הרע, איז ערשט קריגן זיינע כלים וואָס זיינען אין זיין שטוב צרעת. אויב ער הערט ניט אויף זאָגן לשון הרע קריגט זיין שטוב צרעת. אויב ער הערט ניט אויף, קריגן זיינע קליידער צרעת, און אויב ער הערט נאך אַלץ ניט אויף, דאַן קריגט ער אַליין צרעת. ער דאַרף ארויסגיין פון אלע דריי מחנות - מחנה שכינה, מחנה לוי', און מחנה ישראל כדי ער זאָל ניט האָבן מיט וועמען צו רעדן לשון הרע און דערמיט פאריכטן זיין הנהגה.

דערפון זען מיר אַז דער ציל פון עונשים אין תורה איז מערניט כדי צו פאַריכטן און פאַרבעסערן דער מענטש. דערפאַר ווערט דער פרשה אָנגערופן מיטן נאָמען "תזריע": ווייל די גאַנצע תכלית פאַרוואָס איינער קריגט צרעת איז נאָר כדי צו פאריכטן די נשמה פון דעם אידן.

און דער טעם פאַרוואָס די תורה קלייבט אויס דער אָנווייזונג דוקא בקשר צו אַ מצורע איז: וויבאַלד אַ מצורע איז גערעכנט ווי אַ געשטאָרבענע מענטש ("חשוב כמת"), לערנט מען פון דאָ אַז אפילו אַזאַ האַרבע עונש איז מערניט כדי צו פאַריכטן דער מענטש, אַז ער זאל ווערן ווי אַ ניי-געבארענע מענטש ("תזריע"). און פון דאָ לערנען מיר אַז אזוי אויך ביי אַלע אַנדערע עונשים אין תורה, איז זייער צוועק מערניט פאַר זיין גוטס, כדי צו עם פאַריכטן און פאַרבעסערן, ביז ער זאל ווערן ווי אַ נייע מענטש.

**ההוראה:** ווען אַ איד קריגט (רחמנא ליצלן) אַן עונש אויף זיינע זינד, דאַרף ער וויסן אַז ס'איז ניט אַז דער אויבערשטער

11. אין ענדע פון הלכות טומאת צרעת.

ספר הרב מינץ.indd 110 06/08/2008 20:31:51

שטראָפט אים אַלץ "נקמה", חס ושלום. נאָר דער אויבערשטער וויל פאַריכטן זיין נשמה. דערפאַר זאָל ער זיך אַריינטראַכטן אין דעם און תשובה טאָן אויף וואָס ער האָט געטאָן, און דער אויבערשטער וועט אים פאַרגעבן אויף זיינע זינד[12].

12. לקוטי שיחות חלק כב ע' 73.

# פרשת מצורע

היינטיקע פרשה איז אַ המשך פון פרשת תזריע, ווי מ'זעהט אַזביידע פון זיי רעדן וועגן צרעת. אין אָנהויב פון היינטיקער פרשה שטייט: "זאת תהיה תורת המצורע וגו'" - דאָס איז דער פרשה (וואו ס'רעדט זיך וועגן אַלע דינים) פון אַ מצורע.

**השאלה:** לכאורה דאַרף מען פאַרשטיין: פאַרוואָס זאָגט די תורה: "זאת תהי' תורת המצורע"? מ'ווייסט דאָך אַז די פרשה רעדט זיך וועגן צרעת, ווייל ס'איז איין המשך מיט פרשת תזריע. איז פאַרוואָס דאַרף די תורה זאָגן אַלץ אַ נייע הקדמה "זאת תורת המצורע", עס איז דאָך איבעריק?

**הביאור:** דער טעם אויף וואָס אַ מענטש קריגט צרעת איז צוליב די עבירה פון "מוציא שם רע" - דער מענטש לאָזט אויס אויף אַ צווייטן אַ שלעכטן נאָמען. דער אַלטער רבי ערקלערט אַז די הארבקייט פון די עבירה באשטייט אין דעם וואס ער ברענגט אַרויס שמות פון דער מקור און שורש פון "רע" (קליפה).

איז כדי צו תשובה טאן און פאַריכטן זיין עבירה, דאַרף ער טאָן פאַרקערט: ער דאַרף אויפטאָן אַן ענין פון מוציא שם **טוב**. ווי קען אַ איד מוסיף זיין און ארויסברענגען טוב? איז דאָס דורך לערנען תורה, ווייל ווי חז"ל זאגן "כל התורה כולה שמותיו של הקב"ה" - די גאַנצע תורה איז די נעמען פון ה'. אַלץ תיקון פאַר זיין אַ "מוציא שם **רע**", דאַרף ער זיין אַ "מוציא שם **טוב**" דורך די נעמען פון ה' וואס געפינט זיך אין תורה.

דערפאַר שטייט "זאת תהיה **תורת** המצורע": ווייל היינטיקע פרשה ערקלערט ווי אַ מצורע ווערט טהור, וואס דאָס איז (אויך) דורך לימוד התורה. ווי אָבער פאַרזיכערט מען אַז די "תורת המצורע" איז ווי עס דאַרף צו זיין, אַז זיין לערנען תורה איז אין דער ריכטיקע אופן (מיט ביטול)? אויף דעם שטייט "והובא אל הכהן" - אַז מ'דאַרף עם ברענגען צום כהן, וואָס א כהן האָט די ספעציעלע כח צו אַראָפּברענגען זייער אַ הויכע "אור", וואָס איז דער ענין פון ביטול.

**ההוראה:** ווי קען אַ מענטש מתקן זיין אויף וואָס ער האָט אויפגעטאָן דורך זיין אַ "מוציא שם רע"? דורך זיין אַ "מוציא שם טוב" וואָס ווערט אויפגעטאָן מיט לימוד התורה[13].

13. לקוטי שחות חלק יב ע' 79

ספר ברה מינע.indd 113 06/08/2008 20:31:51

# פרשת אחרי

פרשת אחרי מות הויבט זיך אָן: "אחרי מות שני בני אהרן בקרבתם לפני ה' וימותו" - נאָכדעם ווי די קינדער פון אהרן הכהן האָבן זיך דערנענטערט צו ה' (אַריינגעגאַנגען אין קודש הקדשים[14]) און צוליב דעם זיינען זיי אומגעקומען. וואָס אַלץ תוצאה פון דעם האָט דער אויבערשטער געוואָרענט אהרן און זיינע קינדער: ערשטנס: "יין ושכר אל תשת" - מ'זאָל ניט אַריינגיין אין בית המקדש שיכור'עהייט (נאָך דעם וואָס מען טרינקט וויין). און צווייטנס: "אל יבוא בכל עת אל הקודש" - אַז מ'זאָל ניט **שטענדיק** אַריינגיין אין "קדש הקדשים" (נאָר יום כיפור בשעת די עבודה).

**השאלה:** שטעלט זיך די שאלה: די מעשה פון "מיתת בני אהרן" רעדט זיך דאָך אין פרשת שמיני. דאָרט ווערט דערמאָנט גלייך דער ערשטער ציווי פון "יין ושכר אל תשת" - מ'זאָל ניט אַריינגיין אין בית המקדש שיכור'עהייט. אבער דעם צווייטן ציווי פון "אל יבוא בכל עת אל הקודש" - אַז מ'זאָל ניט שטענדיק אַריינגיין אין "קדש הקדשים" - רעדט זיך ערשט אין אונזער פרשה מיט צוויי און אַ האַלבע פרשיות שפּעטער (נאָכדעם ווי דער תורה רעדט אַדורך וועגן די דינים פון פאַנאַנדערטיילן צווישען כשר'ע בהמות און עופות און ניט כשר'ע, די דינים פון א "יולדת" און צרעת).

אויב דיביידע ציוויים זיינען פארבונדן מיט מיתת שני בני אהרן, אז מיר זאלן דערפון אפלערנען ווי צו זיך פירן און נישט אומקומען ר"ל אזוי ווי זיי[15], איז פארוואס ווערט איינער פון די ציוויים דערמאנט

14. אין א אופן "אשר לא צוה אותם" (שמיני י, א).

15. ווי רש"י שרייבט "שלא ימות כדרך שמתו בניו".

גלייך אין פרשת שמיני, און דער צווייטער ציווי ערשט צוויי פרשיות שפעטער?

**הביאור:** דער אור החיים הקדוש שרייבט, אַז דאָס וואָס די שני בני אהרן זיינען אַריינגעגאַנגן אין קדש הקדשים - און נאָך צו דערצו אין אַ אופן פון "שתויי יין" - איז ניט געווען אַ חטא כפשוטו חס ושלום. נאָר זייער "חטא" איז געווען אַז זיי האָבן זיך אַזוי שטאַרק אַריינגעטראַכט אין די גרויסקייט פון דעם אויבערשטן און האבן דערביי דערגרייכט אַזאַ גרויסע דרגא פון דביקות אין דעם אויבערשטן, ביז אַז זיי האָבן געקומען צו אַ מצב פון "כלות הנפש", זייער נשמה איז טאַקע אַרויס פון זייער גוף.

און דאָס איז פשט אין פסוק: "בקרבתם לפני ה' וימותו" - אַז צוליב דעם וואָס זיי זיינען געווען "בקרבתם לפני ה'" מיט גרויס נאָענטקייט און דביקות צו ה', האָט עס געבראַכט צו דער "וימותו", זייער נשמה איז אַרויס פון זייער גוף.

די אָפּלערנונג פון דעם איז: כאָטש אַ איד דאַרף טאָן זיין עבודה מיט גרויס תשוקה און דביקות, כדי צו זיך באַהעפטן מיט'ן אויבערשטן און זיין אויסגעטאָן פון גשמיות; צוזאַמען דערמיט אָבער פאָדערט זיך פון עם אַז זיין עבודת ה' זאָל זיין דוקא אין אַ גשמיות'דיקע גוף, און אין אַ גשמיות'דיקע וועלט. ווייל די גאַנצע תכלית פון אַ מענטש אויף דער וועלט איז כדי צו מאַכן די גשמיות'דיקע וועלט אַ "כלי" פאַר ג-טליכקייט. דאָס הייסט, ניט צו אויסמיידן גשמיות און זיך אָפּרייסן פון זיין גוף און די גשמיות'דיקע וועלט אַרום עם, נאָר צו מיטאַרבעטן און איבערמאַכן די גשמיות פון וועלט, און זיי אויסנוצן פאַר הייליקע זאַכן.

• • •

צווישן אידן געפינען מיר בכללות צוויי סוגים:

א. "יושבי אהל": די וואָס האַלטן אין איין זיצן און לערנען. און

ב. "בעלי עסק": די וואָס זיינען פאַרנומען בעיקר מיט אַרבעטן און שאַפן אַ פרנסה.

פון אונזער פרשה לערנט מען אַ הוראה פארביידע סוגים:

צו די "יושבי אהל" דאַרף מען זאָגן: "יין ושכר אל תשת" - אַז ווען מען זיצט און האָרעוועט אין תורה (און בפרט פנימיות התורה וואָס איז צוגעגליכן צו וויין[16]), דאַרף מען וויסן אַז "אל תשת", מען זאל נישט דערלאָזן אַז די געשמאק און קאָך אין סודות התורה זאָל ברענגען צו אַ מצב פון שכרות. דאָס הייסט, די לערנען און התבוננות אין תורה (סודות התורה) טאָר ניט ווירקן אויף דער מענטש צו זיין אינגאַנצן אָפגעטראָגן פון וועלט, ביז צו "כלות הנפש" (אין לשון פון חסידות "רצוא" אן "שוב"). נאָר עס מוז זיין די "שוב", אַז די הייליקייט זאָל אַראָפקומען און דורכנעמען דער וועלט.

(כאָטש דער אָנזאג איז געזאָגט געוואָרען צו אַ כהן, פונדעסטוועגן איז דאָס שייך צו יעדער איינער וואָס איז אין מדריגת כהן, ווי דער רמב"ם זאָגט אַז יעדער איינער וואָס שיידט זיך אָפּ פון וועלטליכע זאַכן און לייגט זיך אַריין אין תורה און עבודת ה', ווערט ער געהייליקט ("נתקדש קדש קדשים") ווי אַ כהן).

צו די "בעלי עסק" זאָגט תורה: "אל יבוא בכל עת אל הקודש" -

16. ווי חז"ל זאגן (עירובין סה, סוף עמוד א) "נכנס יין יצא סוד" - בפשטות מיינט דאָס אַז ווען איינער טרינקט וויין קומט אַרויס זיינען 'סודות'. אזוי אויך זיינען די 'סודות' פון תורה, פנימיות התורה, פארבונדן מיט וויין.

ענים ברה רפס.indd 116 06/08/2008 20:31:51

זייענדיק אַריינגעטאָן אין וועלטליכע זאַכן, קען דער בעל עסק טראַכטן צו זיך אויף יום כיפור, פאַרוואָס דאַרף איך זיך ווייטער פאַרנעמען מיט גשמיות׳דיקע זאַכן אין וועלט און אַלע אירע נסיונות. איך וואָלט אַסאַך בעסער געוואָלט זיין "בכל עת" - שטענדיק - "יבוא אל הקודש", זיין פאַרנומען מיט רוחניות און זיך אינגאַנצן אָפּרייסן פון וועלט[17]. אויף דעם זאָגט מען אים אַז "אל יבוא בכל עת אל הקדש".

ווייל דער ציל און תכלית פון אַ מענטש אויף דער וועלט איז צו זיך פאַרנעמען מיט די גשמיות פון וועלט און דערביי אויסאיידעלען די וועלט און איר מאַכן הייליק, כדי אַז די וועלט זאָל ווערן דורכגענומען מיט ג-טליכקייט.

• • •

לויט דעם קען מען פאַרשטיין פאַרוואָס דער צווייטער ציווי ("ואל יבוא בכל עת אל הקודש") ווערט דערמאָנט ערשט דאָ, אין אונזער פרשה (נאָך די פרשיות פון שמיני, תזריע און מצורע) :

אין פרשת שמיני רעכנט אויס די תורה די בהמות און עופות וואס זיינען כשר און ניט כשר, און אין פרשת תזריע און מצורע רעדט זיך וועגן די דינים פון טומאה און טהרה. די צענטראַלע נקודה פון אָט די צוויי פרשיות איז "להבדיל בין הטמא ובין הטהור" - צו אפשיידן דאָס וואָס איז טהור (און כשר) פון דאָס וואָס איז ניט טהור (ניט כשר).

דער ענין איז אַ הקדמה און אַן אַריינפיר צו די הוראה פאַר דער "בעל

17. דאָס וואָס דער "בעל עסק" קען נישט אָפּלערנען די אָנווייזונג פון דער פריערדיקע אָנזאג "יין ושכר אל תשת", איז ווייל ער קען פאַרשטיין אַז אַ "יושב אהל" וואָס פאַרנעמט זיך מערניט מיט תורה און האָט ניט די נסיונות פון אַ "בעל עסק", פאַר עם זאָל תורה טאַקע מאָנען "אל תשת", און דעריבער זאָל דער "יושב אהל" זיך אויך פאַרנעמען מיט גשמיות העולם. אָבער דער "בעל עסק" אַליין, וואָס פאַרנעמט זיך שוין מיט וועלט און האָט נסיונות, וואָלט געוועזן בעסער צו זיין אָפּגעריסן פון וועלט און "יבוא בכל עת אל הקודש". דעריבער מוז מען האָבן אַ באַזונדערע אָנווייזונג אין תורה פאַר דער "בעל עסק".

עסק", וועלכע פאַרנעמט זיך מיט וועלט און האָט נסיונות אין וועלט - "ואל יבוא בכל עת אל הקודש":

נאך דעם ווי **תורה** לערנט אונז ווי מען דאַרף אָפשיידן דעם טהור פון דעם טמא, גיט דאָס **אונז** די כח אַז מיר זאָלן אויך קענען אָפשיידן דעם "טמא" פון דעם "טהור" אין אונזער לעבן, אין אונזער עבודת ה'. און מיט דעם **כח פון תורה** קען דער "בעל עסק" זיין פאַרנומען מיט וועלטליכע זאַכן און צוזאַמען דערמיטביישטיין די נסיונות אין זיין לעבן, צו אָפשיידן דאָס וואָס איז ניט טהור פון דאָס וואָס איז טהור.

דעריבער שטעלט תורה די צווייטער ציווי ("אל יבוא בכל עת אל הקודש") וואס איז פאַרבונדן מיט בעלי עסק, נאָך די פרשיות שמיני, תזריע און מצורע, אין וועלכע מיר לערנען "להבדיל בין הטמא ובין הטהור". דאָס גיט דער בעל עסק די נויטיקע אָנווייזונג און כח צו קענען ביישטיין זיינע נסיונות, אַז ער אויך זאָל קענען (בכח התורה) אָפשיידן דאָס וואָס איז ניט טהור פון דאָס וואָס איז טהור. נאָך דעם ווי ער לערנט די ציוויים אין תורה וועגן אָפשיידן טמא פון טהור, איז ער גרייט צו זיך פאַרנעמען מיט וועלטליכע זאַכן, און האָט ניט מורא פון די נסיונות, ווייל ער איז גרייט "להבדיל בין הטמא ובין הטהור" אין זיין לעבן.

---

**ההוראה:** יעדער איד דאַרף וויסן אַז ער איז געגעבן געוואָרן די כוח פון תורה צו זיך פאַרנעמען מיט וועלטליכע זאַכן און זיי אויסאיידעלען און דערהויבן דורך זיין עבודת ה'[18].

18. לקוטי שיחות חלק כז עמוד 116 ואילך.

ספר הרב מינץ.indd 118 06/08/2008 20:31:51

# פרשת קדושים

אין פרשת קדושים רעדט זיך וועגן אַסאַך מצוות. די ערשטע דריי ציווים וואָס ווערן דערמאָנט אין פרשה זיינען:

א: "קדושים יהיו". ב: "איש אמו ואביו תיראו" און ג: "את שבתותי תשמורו".

**השאלה:** אין תורה איז דאָך אַלץ מדוייק, מוז מען זאָגן אַז דאָס וואָס די דריי ציוויים קומען צוזאַמען איז אויך מדוייק. לויט דעם דאַרף מען פאַרשטיין וואָס איז די שייכות צווישן די דריי ציוויים וואָס צוליב דעם קומען זיי צוזאַמען?

**הביאור:** "קדושה" מיינט דאָ "הבדלה" (זיין אָפגעטיילט), אַז אידן דאַרף זיין אָפגעטיילט פון די אַנדערע פעלקער. מ'קען אָבער ניט זאָגן אַז די אָפגעטיילטקייט באַשטייט אין דעם וואָס אידן האָבן תורה ומצות. ווייל די אומות העולם האָבן לכתחילה קיין שייכות ניט צו דעם, ווי עס שטייט: "מגיד דבריו ליעקב וגו' לא עשה כן לכל גוי וגו'", איז ניטאָ אויף וואָס צו אָנזאָגן די אידן אַז זיי זאָלן זיין אָפגעטיילט פון די אַנדערע פעלקער.

נאָר מען מוז זאָגן אַז עס רעדט זיך וועגן אַזעלכע זאַכן וואָס אידן טוען און די אומות העולם טוען זיי אויך. ווי צום ביישפיל: עסן, טרינקען, ארבעטן, און דאס גלייכן. וואָס אין די זאַכן טוען דאָך אידן לכאורה ווי אַנדערע פעלקער, אויף דעם קומט די תורה צו זאָגן אַז "קדושים תהיו" די אידן זאָל'ן זיין אָפגעטיילט פון די אומות העולם.

נאָכדעם קומט דער ציווי פון "איש אמו ואביו תיראו" צו אונז לערנען

אַז ניט נאָר אַז דער איד אַליין זאָל זיין הייליק נאָר ער זאָל אויך אזוי מחנך זיין די קינדער. די ערשטע וואָס דאַרפן טאָן אין חינוך (פון זייערע קינדער) זיינען דאָך די פאָטער און מוטער, זיי דאַרפן אַריינברענגען אין זייער קינד דעם געפיל אַז ער איז אַנדערש פון אַלע אַנדערע פעלקער און איז אַ חלק פון אַ "גוי קדוש" (הייליקע פאָלק).

דערנאָך קומט דער דריטער ציווי פון "את שבתותי תשמורו": ווי קען מען באַאיינפלוסן זיך און די קינדער אַז מיר זיינען אַנדערש פון אַלע אַנדערע פעלקער? אויף דעם איז דער ענין פון שבת. ווייל שבת איז אַ צייכן צווישן דעם אויבערשטן און די אידן; עס באַצייכנט און שטאַרקט די אמונה וואָס אידן האָבן אַז דער אויבערשטער האָט באַשאַפען די וועלט און באַנייעט עס שטענדיק.

וואָס מיט דעם טיילן זיך אידן פון די אַנדערע פעלקער: זיי טענה'ן אַז דער אויבערשטער האָט איבערגעלאָזט די וועלט צו די כוכבים און מזלות, אָבער אידן זיינען פאַרבונדן - דורך זייער אמונה - מיט דעם אויבערשטן אליין. און דאַרפן זיך ניט רעכענען מיט טבע.

דאָס איז דער אונטערשייד צווישן שבת און די איבעריקע טעג פון וואָך:

אין די פסוקים וועגן בריאת העולם שטייט צוויי און דרייסיק (32) מאָל ג-ט'ס נאמען פון "אלקים" (וואָס איז בגימטריא "הטבע", וואָס באַדייט די באַגרעניצונגען פון וועלט). אָבער שבת איז "שבת **לה'**" (וואָס ה' איז א העכערע נאָמען פון "אלקים"), וואָס דאָס באַווייזט ווי ה' איז "הי' הווה ויהי' כאחד", אַז באַ ה' איז: וואָס איז געווען, וואָס איז און וואָס וועט זיין אַלץ גלייך. און דאָס איז דאָך העכער פון טבע, העכער פון די איבעריקע טעג פון וואָך (וואָס זיינען באַגרעניצט לויט טבע).

**ההוראה:** דורך אָפּהיטן די פּאַרבונד פון אידן מיט'ן אויבערשטן (שבת), פועל'ט מען באַ זיך און באַ די קינדער אַז "קדושים תהיו" - אַז אַפילו אין די גשמיות'דיקע ענינים זאָלן אויך זיין קדושה[19].

19. לקוטי שיחות חלק א ע' 254

ספר הבר מינע.indd 121 06/08/2008 20:31:51

# פרשת אמור

אין אָנהויב פון היינטיקע פרשה שטייט "אמור אל הכהנים ואמרת אליהם וגו'" פרעגט רש"י אויף דעם פאַרוואָס שטייט אַ טאָפּעלטע לשון - "אמור" און "ואמרת" - און איז מפרש: "אמור ואמרת להזהיר גדולים על הקטנים" - אַז עס קומט צו אונז לערנען אַז די גדולים זאָלן וואָרענען (מזהיר זיין) די קטנים.

שפּעטער אין פרשה שטייט: "וידבר משה אל אהרן ואל בניו ואל כל בני ישראל": אַז משה האָט טאַקע געטאָן וואָס דער אויבערשטער האָט אים געהייסן. פרעגט אויף דעם רש"י: פאַרוואָס האָט משה אָנגעזאָגט אַלע אידן די מצוות פון די כהנים? און איז ער מפרש אַז "ואל כל בני ישראל" מיינט להזהיר **בית דין** (פון די בני ישראל) על הכהנים, אַז ער האָט אָנגעזאָגט צו בית דין פון די אידן צו וואָרענען די כהנים אויף די דינים וואָס זיינען שייך צו זיי (די כהנים).

**השאלה:** שטעלט זיך די שאלה: לכאורה זעהט מען ניט אַז דער אויבערשטער זאָל זאָגן משה אַז ער זאָל אָנזאָגן בית דין צו וואָרענען די כהנים. אויב אַזוי פאַרוואָס האָט משה אָנגעזאָגעט בית דין וועגן דעם?

**הביאור:** קען מען ענטפערן: אַז דער טעם פאַרוואָס דער אויבערשטער האָט ניט געזאָגט צו זאָגן בית דין צו וואָרענען די כהנים איז ווייל ווי באַוואוסט דער כלל אַז "כהנים זריזין הן" - אַז כהנים זיינען אַלעמאָל פאָרזיכטיג, דערפאַר האָט דער אויבערשטער ניט אָנגעזאָגט אַז מ'דאַרף זאָגן בית דין צו זיי מזהיר זיין.

און דאָס וואָס משה האָט עס **יאָ** געזאָגט בית דין אַז זיי זאָלן מאַכן זיכער אַז די כהנים פאָלגן, כאָטש כהנים זיינען דאָך פאָרזיכטיג? נאָר משה האָט עס געטאָן אַלץ אַ "סיג לתורה" - צו זיין נאכמער פארזיכטיק, כאטש עס איז ניט געווען קיין חיוב אויף דעם.

**ההוראה:** די ענין פון כהנים איז דאָך, וואָס זיי שיידן זיך אָפּ פון אַלע וועלטליכע זאַכן, צו שטיין פאַר דעם אויבערשטן און אים דינעם. אַזוי אויך קען יעדער איד דערגרייכן דעם מדריגה. בשעת ער דינט דעם אויבערשטן אין בית המקדש (ווען עס לייכט באַ אים זיין נשמה אינגאַנצן) דאַרף מען אים ניט וואָרענען, אָבער ווען ער איז ניט אין בית המקדש (ווען עס לייכט ניט באַ אינגאַנצן) דאַן דאַרף מען אים יאָ וואָרענען[20].

20. לקוטי שיחות חלק לז עמוד 61 ואילך.

ספר הרבי מינץ.indd 123 06/08/2008 20:31:51

# פרשת בהר

היינטיקע פרשה הויבט זיך אָן מיט דער מצוה פון שמיטה. דער פסוק הויבט אָן זאָגן אַז: "כי תבואו אל הארץ וגו'" - ווען איר וועט אָנקומען צו ארץ ישראל, איז "ושבתה הארץ שבת לה'" - זאָל די פעלד רוען (פון אַרבעט). דערנאָך זאָגט דער פסוק "שש שנים תזרע שדך ושש שנים תזמור כרמך" - זעקס יאָר זאָלסטו אַקערן און זייען דיין פעלד; "ובשנה השביעית שבת שבתון יהי' לארץ, שבת לה'" - און אין דעם זיבעטן יאָר זאל מען די פעלד רוען (פון אַרבעט).

**השאלה:** שטעלט זיך די שאלה אין די סדר פון די פסוקים: ערשט שטייט "ושבתה הארץ שבת לה'" אַז די ערד זאָל רוען און ערשט דערנאָך שטייט "שש שנים תזרע שדך ושש שנים תזמור כרמך" אַז מען זאָל אַקערן די פעלד. לכאורה האָט דאָך דער סדר פון די פסוקים געדאַרפט זיין פאַרקערט; ווייל דער סדר לפועל איז דאָך אַז ערשט אַקערט מען די פעלד - "שש שנים תזרע שדך ושש שנים תזמור כרמך" - און דערנאָך רוהט מען אָפּ פון אַרבעט (אין דעם פעלד) - "ושבתה הארץ שבת לה'".

**הביאור:** די כוונה און תכלית פון "כי תבואו אל הארץ" איז ניט "שש שנים תזרע שדך ושש שנים תזמור כרמך", זיך פאַרנעמען מיט ענינים גשמיים, נאָר "ושבתה הארץ שבת לה'", אראָפּבּרענגען ג-טליכקייט און הייליקייט אין וועלט.

דערפאַר הויבט אָן דער פסוק אַז גלייך "כי תבואו אל הארץ", פאַר דעם וואָס ער הויבט אָן אַקערן די פעלד, דאַרף א איד וויסן אַז די כוונה

איז "ושבתה הארץ שבת לה'"; אַז די גאַנצע אַרבעט אין פעלד איז פאַר'ן אויבערשטן, כדי צו מקיים זיין דערמיט די מצוה פון שמיטה.

דערנאָך ערקלערט די פסוק דער סדר: ערשט אַקערט מען די פעלד ("שש שנים תזרע שדך ושש שנים תזמור כרמך") און דערנאָך רוהט מען אָפּ פון אַקערן די פעלד ("ובשנה השביעית שבת שבתון יהי' לארץ, שבת לה'").

---

**ההוראה:** בשעת די נשמה קומט אַראָפּ אויף דער וועלט ("כי תבואו אל הארץ") צו טאָן איר עבודה פון "שש שנים תזרע שדך" - די עבודה אין די זעקס טויזנט יאָר פון דעם וועלט'ס עקזיסטענס (פאַר די אלף השביעי); דאַרף א איד וויסן אַז די גאַנצע כוונה איז "ושבתה הארץ שבת לה'", צו מאַכ'ן אַ "דירה לו יתברך בתחתונים"[21].

21. ספר השיחות ה'תש"נ חלק ב ע' 476.

# פרשת בחוקותי

פרשת בחוקותי הויבט זיך אָן מיט דעם וואָס דער אויבערשטער זאָגט די אידן: "אם בחוקותי תלכו ואת מצוותי תשמרו ועשיתם אותם" - אויב איר וועט גיין אין די וועגן פון די תורה און וועט היטן די מצוות און זיי טאָן, דאַן זאָגט דער אויבערשטער צו אַז: "ונתתי גשמיכם בעתם ונתנה הארץ יבולה וגו'" - אַז ער וועט געבן רעגן אין די ריכטיגע צייט און די ערד וועט (אַליין) ארויסגעבן פרוכט. און ווי די פסוקים אין פרשה פירט אויס מיט נאך ברכות וואס וועלן קומען אויב "בחוקותי תלכו". און אויב אָבער ס'וועט זיין פאַרקערט ח"ו, דאַן וועט רחמנא ליצלן זיין פאַרקערט פון גוט.

**השאלה:** אַ איד דאַרף דאָך דינען דעם אויבערשטן ניט כדי ער זאל באַקומען שכר, און געוויס ניט קיין גשמיות'דיקע שכר. ווי חז"ל זאגן אין פרקי אבות: "אל תהיו כעבדים המשמשים את הרב על מנת לקבל פרס" - אַז מ'זאָל ניט דינען דעם אויבערשטער כדי צו קריגען אויף דעם אַ שכר. אויב אַזוי, פאַרוואָס שטייט אין פסוק (און מיט אַזאַ אריכות) וועגן די שכר וואָס מען וועט באַקומען פאַר מקיים זיין תורה ומצוות?

**הביאור:** אויף תורה שטייט "הוא חייך ואורך ימיך". דאָס מיינט אַז ניט נאָר אַז די תורה גיט אַ איד לעבן, נאָר אַז תורה איז דעם מענטשן'ס לעבן. תורה איז ניט א באַזונדערע זאַך פון די לעבן פון אַ איד, נאָר דאָס איז זיין לעבן.

ווי זאָגט זיך אַרויס אַז תורה איז ממש דער לעבן פון א איד?

אויב דער שכר אויף תורה און מצות וואָלט געווען נאָר אין רוחניות'דיקע זאַכן, איז יעמאָלט נאָך נישט קלאָר צו אונז אַז תורה איז ממש אונזער לעבן, וויבאַלד אז איר שכר זאָגט זיך נאָר אַרויס אין רוחניות. אָבער ווען די שכר אויף תורה און מצות איז (אויך) אין גשמיות'דיקע זאַכן, יעמאָלט ווייזט עס אַז תורה איז ניט נאָר אַ זאַך וואָס איז שייך צו זיין נשמה (רוחניות) נאָר דאָס נעמט אַרום דעם **גאנצן** מענטש. דעריבער ברענגט עס שכר און ברכה אין אַלע חלקים פון זיין לעבן, אפילו זיין גאָר נידעריקע באַדערפענישן (זיינע גשמיות'דיקע זאַכן).

דעריבער זאָגט אָן אונזער פרשה אז "אם בחוקותי תלכו" וועט זיין "ונתתי גשמיכם בעתם": נישט (נאָר) אַלץ אַ שכר, נאָר צו אָנווייזן אַז תורה נעמט דורך דער מענטש אינגאַנצען, און **דעריבער** זאָגט זיך ארויס די שכר אויף תורה און מצות ניט נאָר אין רוחניות, נאָר דוקא אין גשמיות.

**ההוראה:** אַ איד דאַרף ניט זיין פאַר'דאגה'ט וועגן זיין גשמיות'דיקע זאַכן, ווייל ווען ער פארנעמט זיך מיט תורה און מצות, וועט עם דער אויבערשטער געבן אַלע זיינע באַדערפענישן, וויבאַלד אַ איד איז איין זאַך מיט תורה[22].

22. לקוטי שיחות חלק לז עמוד 79 ואילך.

ספר הרב מינע.indd 127 06/08/2008 20:31:51

ספר הרב מינץ.indd 128 06/08/2008 20:31:51

# בשער הפרשה

## ספר
# במדבר

ספר הרב מינץ.indd 129 06/08/2008 20:31:51

# פרשת במדבר

אין אָנפאַנג פון היינטיקע פרשה ווערט דערציילט ווי דער אויבערשטער האָט אָנגעזאָגט משה צו ציילן די אידן. כאָטש אַז עס האָט געדאַרפט נעמען נאָך אַ לאַנגע צייט ביז די אידן וועלן אַריינגיין אין ארץ ישראל.

**השאלה:** דער ענין פון ציילן איז לכאורה כדי צו אָפּשיידן דער זאַך וואָס מען ציילט פון די זאַכען וואָס מען ציילט ניט (צום ביישפיל פון אַנדערע פעלקער). אָבער ווען מען רעדט וועגן ציילן די בני ישראל, וואָס איז דאָ צו אָפּשיידן? די אידן זיינען דאָך געווען אין מדבר אַליין, קיין אַנדערע פעלקער זיינען דאָרט ניט געווען, וועלן זיי זיך סיי ווי ניט אויסמישן מיט זיי. איז וואָס האָט דער אויבערשטער געוואָלט אָפּשיידן?

אויך דאַרף מען פאַרשטיין: דער אויבערשטער ווייסט דאָך אלץ. צי דען קען עס זיין אַז ער האָט ניט געוואוסט וויפל אידן זיינען געווען? פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער בכלל זיי געדאַרפט ציילן?

**הביאור:** דאָס וואָס דער אויבערשטער האָט געוואָלט ציילן די אידן דוקא, כאָטש אַז ער האָט שוין געוואוסט וויפיל זיי זיינען, איז צו לאָזן אַלע אַנדערע פעלקער וויסן אַז די אידן זיינען אַנדערש פון זיי. די אידן זיינען אַן אויסגעקליבענע פאָלק - אתה בחרתנו מכל העמים - דער פאָלק וואָס דער אויבערשטער האָט אַליין אויסגעקליבן פון אַלע אַנדערע פעלקער.

לויט דעם וועט מען פאַרשטיין דער טעם פאַרוואָס דער אויבערשטער האָט געציילט די אידן כאָטש אַז ער האָט שוין געוואוסט פון פריער וויפל אידן זיינען געווען. נאָר צו ווייזן און פראָקלאַמירן די ליבשאַפט וואָס ער האָט צו אידן - "להודיע חיבתן"[1], און צו ווייזן אַלע אַנדערע פעלקער אַז ער האָט זיי אויסגעקליבן.

ווי מיר זען אַז ווען אַ מענטש האָט אַ זאַך וואָס איז זייער טייער באַ אים, האַלט ער עס אין איין ציילען נאָכאַמאָל און ווידער אַמאָל. דעריבער האָט דער אויבערשטער געציילט די אידן נאָכאַמאָל און ווידער אַמאָל.

**ההוראה:** ווען אַ איד זעהט אויף וויפיל ער איז טייער ביים אויבערשטן, דאַרף עס פועל'ן אויף אים און אויסרופן זיין ליבשאַפט צום אויבערשטן[2].

1. ווי רש"י זאגט אין אָנהויב אונזער פרשה.
2. לקוטי שיחות חלק ח ע' 209. שיחת ל"ג בעומר ה'תשד"מ.

# פרשת נשא

היינטיקע פרשה הויבט זיך אָן מיט'ן ציווי פון "נשא את ראש בני גרשון" - צייל די בני גרשון, און צוזאַמען דערמיט ווערט דערמאָנט אויך דעם ציווי אויף די "עבודה" וואָס געהערט צו זיי.

**השאלה:** דאַרף מען פאַרשטיין: ווען עס קומט צו דעם ציווי פון ציילן בני גרשון, און אַזוי אויך דער ציווי פון ציילן בני קהת (פריער אין פרשת במדבר), שטייט "**נשא** את ראש" (וואָס "נשא" מיינט צו דערהויבען). אָבער שפּעטער ווען ס'קומט צום ציווי פון ציילן בני מררי שטייט נאָר "**תפקוד** אותם" - צייל זיי, און ניט "נשא את ראש"?

**הביאור:** דער מדרש שטעלט זיך אויף דעם און ערקלערט: דער טעם פאַרוואָס עס שטייט "נשא את ראש" ביי בני קהת און בני גרשון איז ווייל דער אויבערשטער האָט געוואָלט געבן כבוד צו די בני קהת, צוליב דעם וואָס זיי האָבן געטראָגן די "ארון". און צו די בני גרשון, צוליב דעם וואָס גרשון איז געווען דער בכור. אָבער די בני מררי איז זייער "עבודה" געווען נאָר צו טראָגן די "קרשים" און דאס גלייכן. דערפאַר שטייט ביי זיי ניט דער לשון "**נשא** את ראש".

אָבער וויבאַלד אַז אַפילו אַ "בן חמש למקרא" קען וואונדערן, פאַרוואָס שטייט ניט "נשא את ראש" ביי בני מררי, מוז מען זאָגן אַז רש"י - וואָס זיין פירוש על התורה איז דאָך פאַר אַ "בן חמש למקרא" - באַוואָרענט דעם שאלה ערגעץ וואו אין זיין פירוש.

אויף די ווערטער "נשא את ראש בני גרשון **גם הם**", עקלערט רש"י "כמו שציויתיך על בני קהת, לראות כמה יש **שהגיעו לכלל עבודה**" -

אַזוי ווי איך האָב דיר באַפּוילן ביי בני קהת, צו זעהן **וויפל פון זיי קענען טאָן די עבודה.** דאָס הייסט אַז די גאַנצע צוועק פון ציילן די משפחות איז געווען צו זעהן וויפל פון זיי זיינען שייך צו די "עבודה". דאס מיינט אַז דוקא די וואָס האָבן געדאַרפט טאָן "**עבודת משא**" (טראָגן) וואָס אויף דעם האָט מען געדאַרפט אַז זיי זאָלן זיין שטארקע מענטשן, "בעלי כח"; איז ביי **זיי** געפינען מיר דער ענין פון "נשיאות ראש" און חשיבות[3].

דערפאַר האָבן די בני קהת און בני גרשון געהאַט אַ "נשיאות ראש" ווייל פאַר זייער "עבודה" האָט מען געדאַרפט "בעלי כח" וואָס זיינען געווען צוגעפּאַסט צו די אַרבעט. אָבער פאר די "עבודה" פון די בני מררי האָט מען ניט געדאַרפט האָבן "בעלי כח", דערפאַר באַ זיי שטייט **ניט** "נשא את ראש".

דער ביאור על פי חסידות איז[4]: דער אויפטו פון משכן איז געווען, אַז די שכינה זאָל רוען אין אונזערע גשמיות'דיקע וועלט - "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם" - און בכדי צו עס אויפטאָן דאַרף מען האָבן צוויי זאכן:

א) פון איין זייט דאַרף מען האָבן דער "מציאות" פון דעם מענטשן. דאָס הייסט אויסנוצן **זיינע** כוחות און "חושים". ווייל פאַר דעם משכן האָט מען געדאַרפט "חכמי לב" צו עס קענען בויען.

ב) צוזאַמען דערמיט דאַרף מען האָבן דער ענין פון "ביטול". דאָס מיינט, אַז ער דאַרף דערהערן אַז דער טעם פאַרוואָס ער בויט דעם

3. זע לקוטי שיחות חלק יח עמוד 46 און ווייטער.

4. ווי באַוואוסט אַז אין רש"י איז אויף פאַראַן "ענינים מופלאים" - מורא'דיקע זאַכן, און "יינה של תורה" - סודות פון תורה.

משכן איז **נאָר** צוליב "ושכנתי בתוכם". אַז די גאַנצע כוונה איז אַז ס'זאָל זיין "לשמי" - פאַר דעם אויבערשטן, און ניט אַריינמישן די אייגענע דעות און זיין מציאות. דאָס הייסט עס זאָל זיך **ניט** אָנהערען אַז **ער** איז דער "נדיב" אָדער אַז **ער** איז דער חכם לב, נאָר אַז ער טוט עס פאַר דעם אויבערשטן.

די צוויי אופנים געפינען מיר אין די "עבודה" פון די לויים:

די עבודה פון בני מררי איז דער ענין פון ביטול: מררי איז פון לשון "מרירות" - פאַרביטערטקייט, וואָס ברענגט צו "ביטול". דערפאַר איז זייער עבודה געווען צו טראָגן די "קרשים", ווייל די קרשים שטייען אויף איין אָרט ("עצי שטים עומדים"), וואָס ווייזט אויף דעם ענין פון "ביטול".

אָבער די עבודה פון בני קהת און בני גרשון איז געווען פונקט פאַרקערט פון די עבודה פון בני מררי:

זייער עבודה איז געווען צו גיין בהתפשטות און אויפטאָן און פאַרשפרייטן קדושה. און ווי מ'זעהט אַז די בני קהת און בני גרשון האָבן געטראָגן די חשוב'ע כלים - די "ארון" און אַלע אַנדערע כלים און יריעות פון משכן. וואָס אין עבודת ה' איז עס די עבודה פון לערנען תורה (- די "ארון") און "עבודת התפילה".

די תכלית פון דער משכן איז געווען "השראת השכינה". כדי צו אַראָפּברענגען די שכינה דאָ למטה, האָט מען געדאַרפט האָבן ביידע עבודות (סיי די עבודה פון בני מררי און סיי די עבודה פון בני גרשון און קהת);

ערשט דאַרף זיין די עבודה פון "ביטול" (בני מררי). אזוי ווי ביי מתן תורה (וואס איז אויך "השראת השכינה" אין וועלט) האָט פריער געדאַרפט זיין "נעשה" - צו טאָן מיט "ביטול" און קבלת עול. ערשט דערנאָך קען זיין די עבודה פון בני גרשון און קהת צו "אויפבויען" א משכן אין אַ אופן פון התפשטות און וואַקסן. אזוי ווי ביי מתן תורה איז נאָך "נעשה" געקומען "נשמע" - צו פאַרשטיין. וואס אין דעם פילט זיך מער די מציאות פון דער מענטש.

לויט דעם וועט מען פאַרשטיין פאַרוואָס דוקא ביי בני מררי שטייט ניט "**נשא** את ראש". ווייל זייער מעלה איז געווען דער ענין "ביטול". און דער ענין פון "נשא את ראש" איז דאָך אַ פאַרקערטע תנועה פון ביטול.

---

**ההוראה:** ביי יעדער איד דאַרף זייןביידע אופנים אין עבודת ה': סיי דער ענין פון "ביטול", און סיי דער ענין פון התפשטות - אויסנוצן זיינע כחות און "חושים" אין זיין לערנען, דאַווענען און אין זיין קיום המצוות, כדי צו אויפטאָן דעם "השראת השכינה" אין וועלט[5].

---

5. ספר השיחות ה'תשמ"ח חלק ב ע' 465

# פרשת בהעלותך

אין אָנהויב פון היינטיקע פרשה שטעלט זיך רש"י אויף דעם וואָס "פרשת המנורה" געפינט זין אין תורה גלייך נאָך די "פרשת הנשיאים".

פרעגט אויף דעם רש"י: "למה נסמכה פרשת המנורה לפרשת הנשיאים" - פאַרוואָס איז די פרשה פון די מנורה גלייך לעבן די פרשה פון די נשיאים? "לפי שכשראה אהרן חנוכת הנשיאים" - ווייל ווען אהרן הכהן האָט געזען די "חנוכת הנשיאים"; איז "חלשה אז דעתו" - האָט ער געפילט שלעכט; "שלא היה עמהם בחנוכה" - ווייל ער האָט ניט איינטייל גענומען אין דעם "חנוכת המשכן" (־אין באַנייען די משכן); "לא הוא" - ניט ער; "ולא שבטו" - און ניט זיין שבט. "אמר לו הקדוש ברוך הוא" - האָט אים דער אויבערשטער געזאָגט: "חייך" - איך שווער דיר אַז "שלך גדולה משלהם" - דיין "עבודה" איז גרעסער און וויכטיגער ווי זייערע עבודה; "שאתה מדליק ומטיב את המנורה" - ווייל דו גרייסט-צו און צינדסט די מנורה.

**השאלה:** דאַרף מען פאַרשטיין: מיט וואָס האָט דעם אויבערשטנ'ס ענטפער אַראָפּגענומען די "חלישות הדעת" (־ "חלשה דעתו") פון אהרן? דער אויבערשטער האָט אים לכאורה ניט מסביר געווען מיט וואָס איז זיין "עבודה" געווען גרעסער?

**הביאור:** דעם אויבערשטנ'ס ענטפער צו אהרן ("שלך גדולה משלהם") איז ניט געווען סתם צו טרייסטן (־ "מנחם" זיין) אהרן מיט אַן "עבודה" וואָס ער טוט אַז ס'איך אַ וויכטיקע זאַך. נאָר דער אויבערשטער האָט

אים געזאָגט אַז דאָס וואָס ער צינדט אָן די מנורה איז עס אַ חלק פון "חנוכת המשכן" (באַנייען די משכן).

דאָס הייסט: פונקט ווי די נשיאים האָבן געבראַכט קרבנות און מיט דעם האָבן זיי געמאַכט די "חנוכת המזבח" (באַנייט די מזבח) אַזוי אויך האָט אהרן הכהן (דורך זיין גרייטן און צינדן די מנורה) האָט ער מחנך געווען (באַנייט) די מנורה. וואָס זיין באַנייען ("חנוכת המנורה") איז געווען אויף אַסאַך אַ גרעסערן אופן ווי די "חנוכת המזבח" וואָס איז געווען דורך די נשיאים ("שלך גדולה משלהם").

מיט וואָס איז די עבודה פון אהרן הכהן געווען גרעסער פון "חנוכת המזבח" פון די נשיאים? אויף דעם ענטפערט רש"י אַז די אויסגעטיילקייט פון אהרן'ס "חנוכה" (באַנייאונג) באַשטייט אין דעם וואָס א) **שאתה**. ב) **מדליק ומטיב**. ג) **את הנרות**:

**א) "שאתה"**: די קרבנות וואָס די נשיאים האָבן געבראַכט פאַר די "חנוכת המזבח" האָבן זיי ניט אַליין מקריב געווען, נאָר די כהנים האָבן עס מקריב געווען פאַר זיי. אָבער ביי אהרן איז דער "חנוכת המנורה" געווען דורך אהרן אַליין.

**ב) "מדליק ומיטיב"**: אויב אהרן הכהן וואָלט נאָר אָנגעצונדען די מנורה ("מדליק"), וואָלט געווען אַן אָרט צו טראַכטן אַז אפשר איז די עבודה פון די נשיאים געווען וויכטיקער, וויבאַלד אַז זיי האָבן **צוגעגרייט און אָנגעפאַנגען** דעם "חינוך המזבח" מיט **ברענגען** די קרבנות. דעריבער האָט אים דער אויבערשטער געזאָגט "שאתה מדליק **ומיטיב**" - דו האָסט אַליין אַלץ געטאָן; דו האָסט סיי צוגעגרייט די מנורה און עס אויך אָנגעצונדן.

**ג) "את הנרות"**: די "חנוכת המזבח" - וואָס די נשיאים האָבן געמאַכט

- איז געווען אויפ'ן מזבח **החיצון** וואָס דער מזבח איז געווען אין "חצר" פון די משכן. אָבער ביי אהרן איז די "חנוכה" (־ באַנייאונג) געווען אויף די מנורה, וואָס די מנורה איז **בפנים**, אין דעם היכל.

קומט אויס אַז די "חנוכת המנורה" פון אהרן איז געווען אַסאַך גרעסער ווי די "חנוכה" פון די נשיאים ("שלך גדולה משלהם").

---

**הוראה:** די נשמה פון אַן אידן איז דאָך צוגעגליכן צו אַ "נר" ווי עס שטייט "נר הוי' נשמת אדם".

קען מען דאָך פרעגן: אַ איד וואָס האָט דערוויילע ניט צו טאָן מיט עבודת ה', און מ'זעהט נאָך ניט דעם "נר הוי' נשמת אדם" וואָס איז אין עם, ווי קען מען אויף אים פועל'ן, אַז עס זאָל ביי עם לייכטען דעם "נר הוי'"?

אויף דעם איז דער ענטפער: אַז "חייך" - ווען מען וועט עס טאָן מיט "מסירת נפש", וועט עס זיכער פועל'ן אויפ'ן צווייטן, צו "מדליק ומיטיב" זיין די ליכטיקייט פון זיין נשמה.

און דורך דעם אָנצינדן פון אַלע "נרות" פון "כנסת ישראל" (די אידישע פאָלק), וועט מען אַראָפּברענגן די "מנורה הטהורה" אין בית המקדש השלישי במהרה בימינו ממש[6].

---

6. לקוטי שיחות חלק יח ע' 92 ואילך.

# פרשת שלח

אין היינטיקע פרשה רעדט זיך וועגן די מעשה המרגלים. אויף די ווערטער "כולם אנשים" איז רש"י מפרש אַז: "ואותה שעה כשרים היו" אַז אין יענע צייט - פאַר זיי האָבן געגאַנגען צו ארץ ישראל - זיינען זיי געווען גוטע מענטשן.

ווייטער אין פרשה אָבער, אויף די ווערטער "ויקרא משה להושע בן נון יהושע", איז רש"י מפרש אַז: "י-ה יושיעך מעצת מרגלים" - אַז משה האָט געביטען יהושע'ס נאָמען פון "הושע" צו "יהושע", זאָגענדיק דערביי אַז דער אויבערשטער זאָל דיר (יהושע) ראַטעווען פון די עצה פון די מרגלים.

**השאלה:** לכאורה איז דאָ אַ סתירה: אין איין אָרט זאָגט רש"י אַז די מרגלים זיינען געווען "**כשרים**" (ווי ער זאָגט: "ואותה שעה כשרים היו"); אָבער אין צווייטן אָרט איז משמע אַז די מרגלים האָבן געהאַט אַ שלעכטע עצה - ווי מ'זעט דאָך אַז משה האָט געבענטשט יהושע אַז: "י-ה יושיעך מעצת מרגלים"?

נאָכמער: אויף די ווערטער "וילכו ויבואו אל משה" איז רש"י מפרש "מה ביאתן בעצה רעה אף הליכתן בעצה רעה" - אַז פונקט ווי ווען די מרגלים האָבן צוריק געקומען האָבן זיי געהאַט אַ שלעכטע עצה. אַזוי איז אויך געווען לכתחילה ווען זיי האָבן געגאַנגען צו ארץ ישראל איז עס שוין געווען מיט אַ שלעכטע עצה. לויט דעם איז די סתירה נאָך שטאַרקער.

אויך דאַרף מען פאַרשטיין: אויב זיי זיינען טאַקע געווען כשרים (צדיקים) אין יענעם צייט ווי קומט עס אַז זיי זאָלן טאָן אַזאַ האַרבע זינד ווי זאָגן לשון הרע אויף ארץ ישראל - די לאַנד וואָס דער אויבערשטער אַליין האָט געזאָגט אַז ס'איז גוט?

**הביאור:** אויף צו ענפערן דעם שאלה, וועט מען פריער מדייק זיין אין לשון פון רש"י וואָס זאָגט "י"ה יושיעך **מעצת** מרגלים". פאַרוואָס כאַפּט רש"י אָן דעם לשון **"עצת"?** עס וואָלט לכאורה געדאַרפט שטיין **"מחטא** המרגלים"?! מ'זעט אויך ווייטער אויף די ווערטער "וילכו ויבואו" זאָגט רש"י: "מה ביאתן **בעצה** רעה אף הליכתן **בעצה** רעה", וואָס דאָרט אויך זעט מען אַז רש"י כאַפּט אָן דער לשון **"עצה"?**

אין חסידות ווערט ערקלערט: די מרגלים האָבן לכאורה געהאַט אַ גוטע כוונה. זייער כוונה איז געווען אַז זיי ווילן בלייבן אין מדבר און ניט גיין צו ארץ ישראל, ווייל זיי האָבן געוואָלט האַלטן אין איין זיצן און לערנען תורה און ניט זיין פאַרנומען מיט ערדישע זאַכן. אויב זיי וואָלטן געגאַנגען צו ארץ ישראל וואָלטן זיי געדאַרפט אַקערן און זייען אויף צו קענען שאַפן אַ פרנסה. אָבער אין מדבר האָבן זיי געקענט לערנען תורה אַ גאַנצע טאָג, ווייל זיי האָבן געהאַט אַלעס וואָס זיי האָבן געדאַרפט.

און דאָס איז וואָס רש"י זאָגט אַז "כשרים היו" זיי זיינען געווען צדיקים נאָר זייער **עצה** איז געווען ניט ווי עס דאַרף צו זיין. ווי רש"י זאָגט: "מה ביאתן **בעצה** רעה אף הליכתן **בעצה** רעה" - אַז פונקט ווי ווען די מרגלים האָבן געקומען פון ארץ ישראל האָבן זיי געהאַט אַ שלעכטע **עצה**, אַזוי אויך איז געווען ווען זיי האָבן געגאַנגען צו ארץ ישראל האָבן זיי שוין געהאַט אַ שלעכטע עצה.

• • •

מיט דעם ווערט אויך פאַרענפערט נאָך אַ שאלה:

דאָס וואָס אַ "עדה" (למשל: פאַר אַ מנין, אָדער סנהדרין[7]) מיינט צען מענטשן ווערט דאָך געלערנט פון דעם וואָס עס שטייט אין אונזער פרשה ביים סיפור המרגלים: "עד מתי **לעדה** הרעה הזאת" - ביז ווען וועט אָט די שלעכטע **עדה**, מיינענדיק די מרגלים (חוץ פון יהושע בן נון און כלב בן יפונה וואָס זיי זיינען דאָך געווען גוט), ווייל נאָר צען פון די מרגלים זיינען ניט געווען גוט.

אויף דעם שטעלט זיך די שאלה: ווי לערנט מען אַרויס אַז אַ "דבר שבקדושה" (א מנין) דאַרף זיין צען אידן דוקא, פון די מרגלים וואָס איז ניט געווען אַ גוטער זאַך?[8]

אָבער לויט דעם וואָס מען האָט פריער ערקלערט - אַז די מרגלים אַליין זיינען דאָך געווען צדיקים נאָר זייער **עצה** איז ניט געווען ווי עס דאַרף צו זיין - קען מען פאַרשטיין פאַרוואָס דער אויבערשטער האָט אויסגעקליבן אַז מען זאָל עס אַרויסלערנען פון די מרגלים דוקא. כדי אַז מיר זאָלן לערנען פון די מעשה פון חטא המרגלים אַז מען דאַרף טאָן אונזער עבודת ה' אין דער גשמיות'דיקע וועלט כדי צו איבערמאַכן די גשמיות פון וועלט צו רוחניות[9].

---

7. ) פון 23 דיינים.

8. און מען קען ניט זאָגן אַז ווייל אַ מנין קען גערעכנט ווערן פון צדיקים, בינונים און אַפילו פון רשעים, קען מען עס אַרויסלערנען פון די מרגלים. ווייל דאָס קען נאָר פאַרענטפערן וועגן אַ מנין. אָבער וועגן "סנהדרין" (וואָס מען לערנט עס אויך אַרויס פון דעם) דאַרפן זיכער זיין נאָר צדיקים.

9. לקוטי שיחות חלק ד' ע' 1041. חלק לג ע' 78 וע' 85.

**ההוראה:** מען קען ניט זאָגן ווי די מרגלים אַז מעשה המצוות דאַרף מען ניט טאָן אַזוי פיל, דער עיקר איז אַז מ'זאָל זיצן און לערנען. ווייל "המעשה הוא העיקר" - אונזער עיקר תפקיד איז צו טאָן מעשה המצוות אין גשמיות העולם[10].

10. לקוטי שיחות חלק ד ע' 1048

ספר הרה מינו.indd 142 06/08/2008 20:31:53

# פרשת קרח

היינטיקע פרשה הויבט זיך אָן מיט די מחלוקת פון קרח און זיינע מענטשן קעגן משה רבנו. אין "סדר עולם" שטייט אַז די מחלוקת פון קרח איז פאָרגעקומען נאָך די מעשה פון די מרגלים. און ווי מען זעט ביי דער טענה פון דתן ואבירם "אף לא אל ארץ זבת חלב ודבש הביאותנו" - אַז משה רבינו האָט זיי אַרויסגענומען פון מצרים צו זיי אומברענגען אין מדבר. איז דערפון משמע אַז דעמאָלט (ביי די מחלוקת פון קרח) איז שוין געווען נאָך דער גזירה אַז די אידן וועלן בלייבן אין מדבר פאַר פערציג יאָר (וואָס דער גזירה איז דאָך געקומען במשך צו די חטא המרגלים), מוז מען זאָגן אַז די מחלוקת פון קרח איז געווען נאָך חטא המרגלים.

**השאלה:** די גאַנצע מחלוקת פון קרח איז דאָך געווען וועגן דעם וואָס דער אויבערשטער האָט צוגענומען די כהונה פון די בכורים און עס אָפגעגעבן צו אהרן און זיינע זין. אויב אַזוי פאַרוואָס האָט קרח געוואַרט אַזוי לאַנג אויף צו טענה'ן זיין טענה? אהרן איז דאָך געוואָרען דער כהן גדול בפועל[11] ביי שמיני למילואים, וואס איז געווען ראש חודש ניסן (אָדער במשך די שבעת ימי המילואים, כ"ג אדר) און די חטא המרגלים איז ערשט געווען שפעטער (זיי האָבן דאָך צוריק געקומען תשעה באב).

איז פאַרוואָס האָט קרח געוואַרט אַזוי לאַנג אויף צו טענה'ן זיין טענה? מוז מען זאָגן אַז די מחלוקת פון קרח איז געווען פאַרבונדן

---

11.) עס זיינען פאַראַן דעות וואָס זאגן אַז די כהונה איז איבערגעגעבן געוואָרען צו אהרן און זיינע קינדער ביי מתן תורה (דאָס הייסט: ו' סיון אַ יאָר פריער).

מיט חטא המרגלים.

**הביאור:** אין חסידות ווערט ערקלערט וועגן טענת המרגלים אַז זיי האָבן לכאורה געהאַט אַ גוטער טענה: אַז זיי ווילן בלייבן אין די מדבר און ניט גיין צו ארץ ישראל, ווייל זיי האָבן געוואָלט נאָר לערנען תורה און ניט זיין פאַרנומען מיט ערדישע זאַכן. און אויב זיי וואָלטן געגאַנגען צו ארץ ישראל וואָלטן זיי געדאַרפט אַקערן, זייען און שאַפן אַ פרנסה. אָבער אין מדבר האָבן זיי געקענט לערנען תורה אַ גאַנצע טאָג ווייל זיי האָבן געהאַט אַלץ וואָס זיי האָבן געדאַרפט.

וואָס אויף דעם האָט משה רבינו זיי געענטפערט: אַז "המעשה הוא העיקר" מ'דאַרף גיין צו ארץ ישראל און טאָן מצוות בגשמיות דווקא, ניט זיין אָפּגעזונדערט פון וועלט.

דער חילוק צווישן תורה און מצוות איז:

אין תורה איז פאַראַן פאַרשידענע מדריגות - איינער האָט א בעסערע פאַרשטאַנד און אַ צווייטער האָט אַ שוואַכערע פאַרשטאַנד. אָבער ביי מצוות זיינען אַלע אידן גלייך; די מעשה פון לייגן תפילין ביי משה רבינו און די לייגן תפילין פון א פשוט'ע איד זיינעןביידע גלייך. דער חילוק איז נאָר באַ די כוונה פון די מצוה, אָבער ביים מצוה אַליין זיינען אַלע אידן גלייך.

לויט דעם וועט מען פאַרשטיין וואָס איז געווען קרח'ס טענה:

קרח האָט גוט געוואוסט אַז משה און אהרן זיינען געווען אויף אַ העכערע מדריגה ווי ער איז געווען. משה האָט דאָך מקבל געווען די תורה פון דעם אויבערשטן אַליין און נאָכדעם האָט ער עס געלערנט מיט אהרן און נאָכדעם האָט ער עס געלערנט מיט אהרן'ס קינדער,

און נאָכדעם מיט די זקנים. און ערשט דערנאָך האָט ער עס געלערנט מיט אַלע אידן. וואָס ניט נאָר וואָס משה און אהרן עס געלערנט פריער אין זמן נאָר ס'איז געווען אויך העכער אין מעלה.

קרח'ס טענה איז געווען אויף מצוות וואו **אַלע** אידן גלייך, פאַרוואָס אין דעם זאָלן משה און אהרן זיין דערהויבן פון אַלע אידן?

דערפאַר האָט זיך די מחלוקת פון קרח ערשט אָנגעהויבן נאָך די מעשה המרגלים. נאָכדעם ווי משה האָט ערקלערט צו די אידן אַז "המעשה הוא העיקר", אַז אונזער עיקר אַרבעט דאַרף זיין צו טאָן מצוות בגשמיות אין וועלט. אויף דעם האָט קרח אַרויסגעקומען מיט אַ טענה: פאַרוואָס זאָלן משה און אהרן זיין דערהויבן פון אַלע אידן אויב זיי זיינען גלייך מיט אַלע אידן אין מעשה המצוות.

---

**ההוראה:** דער הוראה אויף ביידע פרשיות (שלח און קרח) איז: מ'קען ניט זאָגן ווי די מרגלים אַז מעשה המצוות דאַרף מען ניט טאָן אַזוי פיל, דער עיקר איז אַז מ'זאָל זיצן און לערנען. און פון צווייטן זייט מ'קען ניט זאָגן ווי קרח אַז מ'דאַרף ניט לערנען אַזוי פיל, און דער עיקר איז מ'זאָל טאָן מעשה המצוות ווייל "המעשה הוא העיקר". נאָר מען מוז האָבן ביידע סיי לימוד התורה און סיי מעשה המצוות[12].

---

12. לקוטי שיחות חלק ד ע' 1048

ספר הרב מינע.indd 145 06/08/2008 20:31:53

# פרשת חוקת

היינטיקע פרשה הויבט זיך אָן מיט די מצוה פון פרה אדומה. די תורה זאָגט אָן: "זאת חוקת התורה" - אַז דאָס איז די "חוקה" פון תורה (אַ מצוה וואָס מיר קענען איר נישט פאַרשטיין מיט אונזער שכל).

**השאלה:** פון דעם לשון וואָס די תורה נוצט - "**זאת** חוקת התורה" - איז משמע אַז די מצוה פון פרה אדומה איז די איינציקע "חוקה" פון תורה. מיר ווייסן דאָך אָבער אַז עס זיינען אויך פאַראַן אַנדערע חוקים. ווי רש"י זאָגט[13] אַז די מצוות פון ניט עסן חזיר, ניט טראָגן שעטנז, און פון שפריצן די "מי חטאת" און דאָס גלייכן, זיינען אויך חוקים.

שטעלט זיך די שאלה: פאַרוואָס שטייט נאָר ביי די מצוה פון פרה אדומה אַז זי איז אַ "חוקה"? און פאַרוואָס שטייט "**זאת חוקת התורה**", אַז דאָס איז די **איינציקע** "חוקה" פון תורה?

**הביאור:** עס זיינען פאַראַן צוויי סאָרטן חוקים:

א) חוקים וואָס זיינען **שייך** צו פאַרשטיין מיט אונזער מענטשליכע שכל, נאָר ס'דאָ אויף זיי קשיות, וואָס מאַכט עס שווער צו זיין אויסגעהאַלטן לויט'ן מענטשליכע שכל.

ב) חוקים וואָס זיינען בכלל ניט שייך צו שכל, וואָרום זיי זיינען אינגאַנצן ניט שייך צו פאַרשטיין.

די "חוקה" פון פרה אדומה איז די איינציקע "חוקה" וואָס איז

13. זע רש"י תולדות כו, ה. בשלח טו, כו. אחרי יח, ד. און זע אויך רש"י קדושים יט, יט.

ספר ברה מינע.indd 146 06/08/2008 20:31:53

אינגאַנצן ניט שייך צו פאַרשטיין מיט'ן מענטשליכן שכל. און דערפאַר שטייט דאָ די לשון "זאת" אַז **דאָס** איז די איינציקע "חוקה"; ווייל דער מצוה איז אויף אַזאַ דרגא וואָס מען קען איר אינגאַנצן ניט פאַרשטיין. אַנדערע חוקים אין תורה קען מען יאָ אַביסל פאַרשטיין נאָר מען האָט אויף זיי קשיות[14].

• • •

דער אַלטער רבי שרייבט אין לקוטי תורה[15] אַז א "חוק" איז פון לשון "חקיקה" (אַיינקריצן). אין חסידות איז ערקלערט אַז עס זיינען פאַראַן צוויי אופנים אין אַיינקריצן, "חקיקה". וואָס לויט דעם וועט מען פאַרשטיין די צוויי סאָרטן "חוקים":

א) אַיינגעקריצטע אותיות וואָס דערמאָלט זיינען די אותיות איין זאַך מיט'ן שטיין, ניט אַ צוגעגעבענע זאַך אויפ'ן שטיין. זיי זיינען אָבער צוגעגליכן צו געשריבענע אותיות ("אותיות הכתיבה"), ווייל מען קען אָנפילן די שטיין מיט טינט און עס וועט אויסקוקן ווי אותיות הכתיבה, וואָס פאַרשטעלט אַ חלק פון דעם שטיין.

ב) אַיינגעקריצטע אותיות וואָס זיינען אַיינגעקריצט אין דעם שטיין דורך און דורך, פון איין זייט ביז דער אַנדער זייט[16]. די סאָרט "חקיקה" איז אַסאַך שטאַרקער ווי די ערשטע סאָרט ווייל מען קען זיי ניט אָנפילן מיט טינט כדי צו זיי באַדעקן.

• • •

די צוויי אופנים געפינען מיר אויך ביי אַ מענטש אליין ווי ער איז

14. זע דוגמאות אין דער מקור אין לקוטי שיחות.

15. אין אָנהויב פון פרשת חוקת.

16. אַזוי ווי עס איז געווען ביי די לוחות.

ספר הרב מינץ.indd 147 06/08/2008 20:31:53

מקיים די מצוות פון עדות, חוקים און משפטים. עס זיינען פאַראַן צוויי וועגן ווי די וועלן (די "רצון") פון א מענטש ווערט אויסגעדריקט:

א) פאַראַן ווי עס הערט-זיך אָן נאָר אַז ער וויל: דאָס הייסט אַז ער וויל עפעס טאָן (ער ווייסט אַפילו ניט פאַרוואָס ער וויל עס טאָן, נאָר) ער ציהט זיך צו דעם, אָן פאַרשטיין דער טעם.

ב) פאַראַן אָבער ווי עס הערט-זיך אָן **אויך** אַ טעם אויף דעם: דאָס הייסט אַז ער וויל עפעס טאָן, און ער שאַפט אויף דעם אַ טעם. אבער דאָס וואָס ער האָט אויף דעם אַ טעם מיינט עס נאָר אַז זיין "וועלן" ("רצון") האָט זיך "אָנגעטאָן" אין פאַרשטאַנד, אָבער דאָס אַליין וואָס ער ציהט זיך צו דער זאַך איז באמת אָן אַ טעם.

דערמיט קען מען פאַרשטיין די אונטערשייד צווישן ווי אַ מענטש איז מקיים עדות, חוקים און משפטים:

ביי מצות ווי עדות און משפטים וועלכע האָבן (אויך) אַ טעם זעט זיך ניט אָן אַזוי שטאַרק דעם "רצון" פון ה'. ווייל אַמאָל קען זייער טעם פאַרדעקן אויף דעם "רצון", און דער מענטש איז דאָס מקיים (אויך) צוליב איר טעם (אַזוי ווי "אותיות הכתיבה" וואָס די טינט פאַרדעקט די פאַפיר).

אָבער באַ די מצוות פון "חוקים" זעט זיך אָן נאר דעם "רצון" פון ה', וויבאלד עס האָט ניט קיין טעם וואָס דער **מענטש** קען פאַרשטיין. במילא איז יעמאָלט די מצוה אזוי ווי אַיינגעקריצטע אותיות ("חקיקה"), וואָס זיינען אַיינגעקריצט דורך און דורך. יעמאָלט איז דער פארבונד אַסאַך שטאַרקער, ווייל מען קען זיי ניט אָנפילן מיט טינט ("טעמים" פון דער מצוה) וואס קען אמאל פארדערקן.

ווען אַ איד איז מקיים מצוות נאָר מצד זיין נשמה, צו אויספירן די

רצון פון ה'; דאַן איז ניט נאָר וואָס ער איז מקיים מיט "קבלת עול" די מצוות פון "חוקים", נאָר אפילו די מצוות וואָס מען קען יאָ פאַרשטיין איז ער מקיים מיט "קבלת עול"[17] און עס נעמט עם אַדורך אינגאַנצן.

---

**ההוראה:** פון דעם וואָס שטייט דאָ "זאת חוקת **התורה**" לערנט דאָס אונז: אַז די גאַנצע תורה אַפילו די מצוות פון "עדות" און "משפטים" - די מצוות וואָס האָבן אַ טעם, דאַרף מען טאָן מיט "קבלת עול", ווייל אַזוי האָט דער אויבערשטער געהייסן[18].

---

17. ביז אז אַפילו דאָס וואָס ער טוט מצד א טעם, ווערט עס געטאן אויך מיט "קבלת עול".

18. על-פי לקוטי שיחות חלק ח עמוד 123 ואילך.

# פרשת בלק

אין אָנהויב פון פרשת בלק שטייט: "וירא בלק בן ציפור" - בלק בן ציפור האָט געזען; "את כל אשר עשה ישראל לאמורי" - אַלץ וואָס די אידן האָבן געטאָן צו אמורי (אַז זיי האָבן אויסגע'הרג'ט די גאַנצע פאָלק); "ויגר מואב" - האָט מואב מורא געהאַט.

אויף דעם איז רש"י מפרש, אַז בלק האָט געזאָגט: "אלו שני מלכים שהיינו בטוחים עליהם" אויב די צוויי שטאַרקע קעניגען וועלכע מיר האָבן אַלע געגלויבט אַז מ'קען זיי ניט מנצח זיין; "לא עמדו בפניהם" - האָבן ניט געקענט שטעלן קעגן די אידן; "אנו על אחת כמה וכמה" - מיר וועלן זיכער ניט קענען מנצח זיין די אידן. האָט זיך בלק שטאַרק דערשראָקן און וועגן דעם דערציילט צום גאַנצע פאָלק, און "לפיכך ויגר מואב" - דערפאַר האָט מואב מורא געהאַט.

**השאלה:** צוליב וואָס האָט בלק געדאַרפט אַלעמען דערציילן וועגן זיין פחד און מורא? זיי האָבן דאָך סיי ווי ניט געקענט העלפן. איז וואָס האָט ער אויפגעטאָן מיט זיין לאָזן וויסן די גאַנצע פאָלק און פאַרשפרייטן אַ פחד און אַ מורא?

**הביאור:** פון דעם לערנען מיר אויס די אונטערשייד צווישן די אָנפירער פון די אידישע פאלק מיט להבדיל די אָנפירער פון אומות העולם:

בשעת "וירא בלק בן ציפור את כל אשר עשה ישראל לאמורי", איז ער געוואָרען אינגאַנצן צוטומלט, און האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן פון רעדן וועגן דעם. דער טעם אויף דעם איז ווי חז"ל זאָגן "הרשעים

הן ברשות לבם[19]" - רשעים קענען נישט באַהערשן אויף זיך (מיט זייער שכל) און ווערן געהערשט מיט זייער האַרץ (זייער געפילן). זייענדיק אַ רשע, האָט זיך בלק נישט געקענט איינהאַלטן און האָט גלייך דערציילט אַלעמען וועגן זיין פחד און מורא.

פון דעם קען מען זען די אונטערשייד צווישן בלק און להבדיל משה רבנו:

בלק האָט גלייך מפרסם געווען זיין מורא און פחד ביז ער האָט אָנגעשראָקן די גאַנצע פאָלק ("לפיכך ויגר מואב"). ביי משה רבינו געפינען מיר פונקט פאַרקערט: אַפילו ווען ער האָט יאָ מורא געהאַט פון עוג מלך הבשן, ווייל ער האָט געטראַכט אַז "שמא תעמוד לו זכותו של אברהם" - אפשר וועט די זכות פון אברהם אבינו עם באַשיצן[20], איז ניט נאָר וואָס ער האָט קיינעם ניט דערציילט וועגן דעם, נאָר אַפילו אויף עם אַליין איז ניט געווען קענטיק אַז ער געפינט זיך אין א מצב פון אַ פחד און מורא. ווי די גמרא זאָגט[21] אַז די פחד ביי אברהם איז געווען מערניט "בלבו", אין זיין האַרץ.

• • •

די זעלבע זאַך געפינען מיר ביים פריערדיקן רבי'ן (וואָס זיין יום הולדת און חג הגאולה פאַלט אויס בסמיכות צו אונזער פרשה) וואָס איז געווען דער נשיא הדור, דער משה רבנו פון זיין דור:

---

19. מדרש רבה, בראשית פ' לד, י.

20. ווי רש"י ערקלערט פריער אין פרשת חוקת (כא, לד)

21. נדה סא, סוף עמוד א.

ווען מען האָט אַרעסטירט דעם פריערדיקן רבי'ן אין רוסלאַנד אין יאָר תרפ"ז איז, ווי באַוואוסט, געווען זייער אַ ערענסטע גזר דין ר"ל אויף זיין לעבן. נאָך זיין באַפרייאונג (אויפ'ן טאָג י"ב תמוז תרפ"ז) האָט ער געשריבן אין זיין בריוו אַז "פאַר תרפ"ז האָב איך שטאַרק געשראָקן". מ'געפינט אָבער ניט אַז דער רבי זאָל באַווייזן אָדער אַפילו מרמז זיין צו זיינע חסידים און כלל ישראל וועגן זיין פחד און מורא. אדרבה, זייענדיק אין זיין שווערע מצב האָט ער נאָך מוסיף געווען אין פאַרשטאַרקען אידישקייט וויפיל נאָר ער האָט געקענט.

אַפילו זייענדיק אין תפיסה און וויסענדיק קלאָר די גרויסע סכנה פאַר עם און פאַר זיין אַרבעט פאַר אידישקייט, האָט ער מחליט געווען ניט צו זיין אַראָפּגעפאַלן באַ זיך. ווי ער שרייבט[22]: "אינני רשאי לחשוב מחשבות כאלו הפועלות נמיכות רוח" - אין וועל זיך ניט ערלויבן צו טראַכטן אַ זעלכע מחשבות וועלכע ווירקן אויף מיר צו זיין אַראָפּגעפאַלען באַ זיך. און האָט ממשיך געווען מיט גרויס שטאַרקייט און שטאָלצקייט זיין הייליקע אַרבעט פאַר כלל ישראל. און דאָס האָט דורכגעפירט דעם נצחון און גאולה אויף י"ב תמוז.

**ההוראה:** אַלץ אידן האָבן מיר דאָך בטחון אין ה' און אַפילו ווען מען געפינט זיך אין מצב וואס ערוועקט פחד און מורא דאַרפן מיר זיך אָפּלערנען פון משה רבנו און נשיאי ישראל. מען דאַרף זיך ניט שרעקן און זיכער ניט אָנשרעקן אַנדערע מיט אונזער פחד, נאָר פאַרלאָזן זיך אויפ'ן אויבערשטן אַז אַלץ וועט זיין גוט,

22. אין "רשימת המאסר" - לקוטי דיבורים חלק ד ע' תרכד, א.

עצימ ברה רפס.indd 152 06/08/2008 20:31:53

און זיך נאָך מער שטאַרקן אין אונזער עבודת ה'. דורך דעם וועלן מיר אויספירן און זוכה זיין צו די גאולה האמיתית והשלימה בקרוב ממש[23].

23. לקוטי שיחות חלק ח ע' 148.

# פרשת פנחס

עס שטייט אין די גמרא[24]: "הרואה פנחס בחלום פלא נעשה לו" - דער וואָס זעט פנחס אין אַ חלום וועט אַ "פלא" (אַ וואונדער)[25] טרעפן צו עם. "הרואה פיל בחלום פלאות נעשה לו" - דער וואָס זעהט אַן עלפאַנט אין זיין חלום וועלן "פלאות" (מער ווי איין פלא) טרעפן צו עם. "פילים פלאי פלאות נעשה לו" אויב ער זעהט עטליכע עלפאַנטן, וועלן אַסאַך "פלאות" טרעפן צו עם.

אויף דעם גמרא איז רש"י מפרש: "פלא נעשה לו כמו שנעשה לפנחס" - אַ פלא וועט טרעפן צו עם, ענלעך צו דער פלא וואס איז געווען ביי פנחס[26]. פון דעם קומט אויס אַז דער חילוק צווישן איינער וואס זעט פנחס אין זיין חלום צו דער וואס זעט אַן עלפאַנט אין זיין חלום איז **וויפיל** "פלאות" וועלן טרעפן צו עם.

**השאלה:** שטעלט זיך דער שאלה: אויב דער גאַנצער טעם פאַרוואָס דער וואָס זעהט "פינחס" אין זיין חלום וועט אַ "פלא" טרעפן צו אים איז (ווי רש"י זאָגט) ווייל אַזוי ווי אַ "פלא" האָט געטראָפן מיט פינחס, אַזוי וועט אַ "פלא" אויך טרעפן צו אים. אויב אַזוי פאַרוואָס וועט

24. ברכות נו, ב.

25. אַ פלא איז אַזוי ווי אַ נס (זע ווייטער).

26. פאַראַן די וואָס זאָגן אַז די גמרא מיינט, אויב ער זעט "פינחס" אין חלום א.אַ.וו. מיינט עס אַז ער זעהט געשריבן דעם וואָרט פינחס. וואָס לויט זיי איז פאַרשטאַנדיק פאַרוואָס טרעפט נאָר איין "פלא": ווי עס שטייט אַז דער וואָס זעט "הונא" (מיט איין נו"ן) אין זיין חלום איין "נס" וועט זיך טרעפן מיט אים; "חנינא" (מיט צוויי נו"ן'ס) וועלן עטליכע ניסים טרעפן צו אים; "פינחס" אַ פלא טרעפט צו אים, אַ "פיל" (צוויי אותיות פון"פלא") טרעפן עטליכע א.אַ.וו. אָבער לויט רש"י וואָס מיינט אַז מ'זעט זיין געשטאַלט, איז שווער (זע שאלה).

נאָר איין "פלא" טרעפן צו עם, ווען באַ פינחס איז דאָך געווען אַסאַך פלאים[27]?

**הביאור:** וועט מען עס פאַרשטיין דורך בעסער פארשטיין די דיוק פון די לשון אין גמרא און רש"י:

די גמרא זאָגט: "**פלא** נעשה לו" פאַרוואָס כאַפּט אָן די גמרא דעם לשון "**פלא**" און ניט ניסים? און וואָס איז דער חילוק צווישן אַ נס און אַ פלא?

אַ נס איז אַ געשעעניש אין וועלט וועלכע ברעכט און איז מבטל די נאַטירלעכע סדר פון וועלט. אָבער צוזאַמען דערמיט, איז דאָס ניט אינגאַנצן העכער פון וועלט; עס איז נאָך אַלץ פאַרבונדן מיט וועלט. וואס דערפאַר דאַרף עס **צוברעכן** די סדר פון וועלט. און דעריבער יעדער מאָל עס פאַסירט אַ נס, פאָדערט זיך אַ ספּעציעלע כח וואָס מאַכט דער נס.

אָבער "פלא" מיינט אַ וואונדערליכע הנהגה וואָס איז איז אינגאַנצן העכער פון די נאַטירלעכע סדר פון וועלט. עס איז אינגאַנצן העכער פון וועלט, און במילא רעכנט עס זיך ניט מיט די נאַטירלעכע סדר פון וועלט. דעריבער פאָדערט זיך ניט א ספּעציעלע כח יעדער מאָל עס פאַסירט, וויבאַלד אַז עס איז אינגאַנצן העכער פון וועלט.

די נסים ונפלאות וואָס דער אויבערשטער האָט געמאַכט פאַר פנחס איז געווען אין אַ אופן וואָס איז אינגאַנצן העכער פון וועלט. דער אויבערשטער האָט ניט געדאַרפט יעדער מאָל מבטל זיין, ברעכן די

27. לויט די גמרא אין סנהדרין: **זעקס** ניסים האָבן געטראָפן צו פנחס. און אין ספרי שטייט אַז **צוועלף** ניסים האָבן געטראָפן צו עם. און ווי רש"י זאָגט אַליין אַז "**הרבה** ניסים נעשה לו" - **אַסאַך** ניסים האָבן געטראָפן צו עם.

ספר הרב מינע.indd 155 06/08/2008 20:31:53

די נאַטירלעכע סדר פון וועלט, פאַר פנחס. ער איז געווען אינגאַנצן העכער פון דעם, ער האָט שטענדיק געלעבט אַ "פלא'דיקע" לעבן; איין לאַנגע המשך פון דער זעלבע "פלא".

פאַרוואָס האָט פנחס זוכה געווען דערצו?

פנחס האָט זיך געפירט מיט אַ הנהגה אין עבודת ה' וואָס איז געווען העכער פון וועלט, אַ "פלא'דיקע" עבודה. ער האָט זיך ניט גערעכנט מיט די נאַטירלעכע סדר פון וועלט. וואס דערפאר ווען ער האָט דערזען אַ ניט-גוטע הנהגה, האָט ער זיך געפירט מיט "קנאות" ("בקנאו את קנאתי"[28]), און האָט איינגעשטעלט זיין לעבן אין גרויס סכנה[29] כאָטש ער איז געווען אינגאַנצן ניט מחוייב אין דעם. ער איז געגאַנגען מיט "מסירת נפש", אָן פרעגן און אָן טראַכטן ווייל ער האט זיך געפירט אין אַ "פלא'דיקע" וועג, העכער פון וועלט.

וויבאַלד אז זיין הנהגה אין עבודת ה' איז געווען העכער פון וועלט, א "פלא'דיקע" עבודה, האָט דער אויבערשטער מיט אים געפירט "מדה כנגד מדה", אַז ער האָט זוכה געווען צו אַ "פלא'דיקע" לעבן.

• • •

די צוויי אופנים (נס און פלא) געפיניען מיר אויך אין עבודת ה':

**נס:**

אַ מענטש וואָס פירט זיך לויט די נאַטירלעכע סדר פון וועלט, לויט זיין פאַרשטאַנד, אין לערנען תורה און מקיים זיין מצות. פון מאָל צו מאָל פאָדערט זיך צו אַרויסגיין פון זיין נאַטירלעכע סדר און ערוועקן

---

28. אונזער פרשה כה, יא.

29. וואס אויב ער וואלט געפרעגט וועגן דעם פריער, וואלט מען אים געזאגט אז ער זאל אזוי **נישט טאן** ("אין מורין כן").

"מסירת נפש" אויף אַ נייע, שווערע הנהגה אין זיין עבודת ה'. יעדער מאָל ווען ער וויל זיך מוסר נפש זיין פאַר אַ נייע הנהגה, איז דאָס אַ נייע עבודה, מיט נייע כחות או האָרעוואַניע.

**פלא:**

פאַראַן אָבער אַ מענטש וואָס ער איז "בעצם" אַ מסירת-נפש-איד. ער איז אינגאַנצן איבערגעגעבן צום אויבערשטן און האָט ניט קיין אייגענע רצונות. ביי אים קומט די "מסירת נפש" **בדרך ממילא.** עס איז ניט א זעלטענע הנהגה, אַז פון מאָל צו מאָל פירט ער זיך מיט "מסירת נפש"; ער פירט זיך אַזוי שטענדיק. וויבאַלד אַז ער לעבט שטענדיק העכער פון די נאַטירלעכע סדר פון וועלט.

אַזוי האָט פנחס געדינט דעם אויבערשטן[30], און דעריבער איז דער הנהגה פון אויבערשטן מיט עם געווען אויך שטענדיק העכער פון דער נאַטירלעכע סדר פון וועלט. עס איז געווען ביי עם אַ לעבן פון "פלא" (אין לשון יחיד) ווייל ער האָט שטענדיק געלעבט אַ "פלא'דיקע" לעבן; איין לאַנגע המשך פון דער זעלבע "פלא".

און דאָס איז וואָס די גמרא זאָגט דער לשון פון "פלא" לשון יחיד, ווייל אויב מען זעט פנחס אין אַ חלום - וואָס פנחס'ס **גאַנצע** לעבן איז געווען פלא'דיק - וועט זיין גאַנצע לעבן זיין פלא'דיק.

---

**ההוראה:** מיר קענען זיך אָפּלערנען פון פנחס (און דער פריערדיקע רבי) צו מקיים זיין און פאַרשפרייטן תורה און מצות

---

30. אזוי אויך געפינען מיר ביי דער פריערדיקע רבי, וואס איז ארויס פון טורמע י"ב תמוז (אין דער וואך פון פרשת פנחס), איז זיין הנהגה אויך געווען אינגאנצן העכער פון וועלט און האט געלעבט שטענדיק מיט "מסירת נפש"; געשטעלט זיין לעבן אין סכנה שטענדיק און האט אזוי אויך אנגעזאגט זיינע חסידים אין רוסלאנד.

מיט מסירת נפש. ספעציעל אין היינטיקע טעג ווען מען קען עס טאן אָן שוועריקייטן, קען מען לעבן א מסירת-נפש׳דיקע לעבן העכער פון דער נאַטירלעכע סדר פון וועלט. און אין דעם זכות וועלן מיר זוכה זיין אַז דער אויבערשטער וועט זיך פירן מיט אונז אויך אין אַ ״פלא׳דיקע״ אופן. און דאָס וועט נאָך מער דערנענטערן די גאולה, וואָס יעמאָלט וועט זיין ״אראנו **נפלאות**״[31].

31. לקוטי שיחות חלק לג ע׳ 164.

ספר הרב מינע.indd 158 06/08/2008 20:31:53

# פרשת מטות

היינטיקע פרשה הויבט זיך אָן ווי משה האָט אָנגעזאָגט די "ראשי המטות" וועגן די מצוה פון נדרים, און ווי מען קען מבטל זיין אַ נדר, ווי דער פסוק זאָגט "וידבר משה אל ראשי המטות".

**השאלה:** די מצוה פון נדרים איז דאָך פאַרבונדן מיט יעדער איד, אויב אַזוי פאַרוואָס האָט משה עס געזאָגט דוקא צו די "ראשי המטות", צו די נשיאים און הויפט מענטשן צווישן די בני ישראל?

**הביאור:** ווען מען עס פאַרשטיין מיט פריער מקדים זיין אַ "סתירה" וועגן דער ענין פון נדרים:

פון איין זייט זעט מען אַז אַ נדר איז אַ גוטע זאַך:

די משנה זאָגט אין פרקי אבות: "נדרים סייג לפרישות" - אַז אויב אַ מענטש ווער זיך אָפּשיידן פון גשמיות'דיקע זאַכן, קען אַ נדר אים העלפן אין זיין עבודת ה'. ווייל מיט דעם וואָס ער אַ מאַכט אַ נדר פון אַ געוויסע זאַך, שיידט ער זיך אָפּ פון דעם (און אַזוי שיידט ער זיך אָפּ פון וועלטליכע זאַכן). פון דעם קומט אויס אַז אַ נדר איז אַ גוטע זאַך.

פון צווייטע זייט אָבער זעט מען אַז אַ נדר איז ניט קיין גוטע זאַך:

ווי עס שטייט אין ירושלמי "דייך במה שאסרה תורה" - וואָס מיינט: גענוג וואָס תורה האָט דיר גע'אסר'ט אויף געוויסע זאַכן, וואָס לייגסטו צו נאָך זאַכן, צו אסר'ן אויף זיך. פון דעם קומט אויס אַז אַ נדר איז ניט קיין גוטע זאַך.

פון אונזער פרשה לכאורה קומט אויס אז אַ נדר איז ניט קיין גוטע זאַך, ווייל די פרשה דערציילט ווי משה האָט געזאָגט צו די "ראשי המטות" ווי מען קען "מבטל" זיין דעם נדר. אויב אַ נדר איז אַ גוטע זאַך, פאַרוואָס זאָגט תורה צו די "ראשי המטות" ווי צו "מבטל" זיין אַ נדר?

נאָר באמת איז נישט קיין סתירה צווישן די צוויי מאמרי חז"ל. נאָר דער חילוק באַשטייט אין דעם: צי האָבן צוטאָן מיט וועלטליכע זאכן איז אַ גוטע זאַך אָדער ניט.

ווען אַ מענטש האַלט נאָך אין אָנהויב פון זיין עבודת ה' דאַרף ער זיך אָפשיידן פון וועלטליכע זאַכן. פאַר אַזאַ מענטש איז גוט צו מאַכן אַ נדר. אָבער ווען ער וואַקסט און שטייגט העכער אין זיין עבודת ה', קען ער צוקומען צו אַ מדריגה וואָס ער קען איבערמאַכן די וועלטליכע זאַכן צו קדושה. וואָס דאָס איז דוקא מעגליך ווען ער באַשעפטיגט זיך יאָ מיט די וועלטליכע זאַכן. פאַר אַזאַ סאָרט מענטש איז א נדר ניט קיין גוטע זאך.

דערפאַר האָט משה געזאָגט די דינים ווי צו מבטל זיין אַ נדר צו די "ראשי המטות" דוקא: אלץ "ראשי המטות" פאַרנעמען זיי זיך מיט די בני ישראל אין זייער שבט, צו זיי אַרויסהעלפן און זיי אויפהויבן אין זייער עבודת ה'.

דער תפקיד פון די "ראשי המטות" איז געווען צו פאַרבעסערן די הנהגה פון די אידן, אַז זיי זאָלן וואַקסן איז זייער עבודת ה' און דערגרייכן צו אַ מצב אז זיי זאָלן קענען איבערמאַכן די וועלטליכע

זאַכן צו קדושה. אַזעלכע מענטשן דאַרפן שוין נישט מאַכן קיינע נדרים, ווייל פאַר זיי איז געזאָגט געוואָרן "דייך במה שאסרה תורה" - געווּג וואָס תורה האָט דיר גע'אסר'ט איסורים.

דעריבער איז אונזער פרשה וועלכע רעדט בעיקר וועגן **מבטל** זיין אַ נדר[32], געזאָגט געוואָרן צו די "ראשי המטות" דוקא. ווייל דער ענין פון מבטל זיין אַ נדר ("דייך במה שאסרה תורה") איז נאָר שייך צו זיי און צו די וועלכע ווענדן זיך צו זיי צו מבטל זיין אַ נדר (וויבאַלד זיי האָבן דערגרייכט אַ מצב אין עבודת ה' אַז זיי קענען שוין האָבן צוטאָן מיט די וועלטליכע זאַכן, און זיי איבערמאַכן צו קדושה).

---

**ההוראה:** ווען אַ איד הויבט אָן דינען דעם אויבערשטן דאַרף ער זיך אָפּשיידן פון וועלטליכע זאַכן, און ערשט דערנאָך קען ער קומען צום מדריגה פון איבערמאַכן די וועלט צו קדושה.

דורכדעם וואס אַ איד ווענדט זיך (פאַרבינדט זיך) מיט די "ראשי המטות", די "ראשי אלפי ישראל" שבכל דור, קען ער וואַקסן און זיך דערהויבן אין זיין עבודת ה' אַז ער זאל קענען איבערמאַכן די וועלט צו קדושה. מיט דעם טוט זיך אויף די תכלית אויף וואָס דער וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, צו מאַכן פון וועלט גופא אַ דירה לו יתברך פאַר'ן אויבערשטן, דורך באַנוצן זיך מיט וועלט אין אַ קדושה'דיקן אופן[33].

---

32. ווייל וועגן די מצוה פון **מקיים** זיין אַ נדר ווייסן מיר שוין פון פריער - זע אין מקור אין לקוטי שיחות.

33. לקוטי שיחות חלק יג ע' 109. וראה לקוטי שיחות חלק ד ע' 1076.

ספר הרב מינע.indd 161 06/08/2008 20:31:53

# פרשת מסעי

אין היינטיקע פרשה רעכנט די תורה אויס די אַלע ערטער וואו די אידן האָבן גערוהט זייענדיק אין מדבר. די פרשה הויבט זיך אָן: "אלה מסעי בני ישראל אשר יצאו מארץ מצרים" - דאָס זיינען די "מסעות" (־די רייזן) פון די אידן וואָס האָבן אַרויס געגאַנגען פון די לאַנד מצרים.

**השאלה:** וויבאַלד אַז אונזער פרשה רעכנט אויס אַלע ערטער וואו די אידן האָבן **אָפּגעשטעלט און גערוהט**, איז פאַרוואָס שטייט: "אלה **מסעי** בני ישראל" דאָס זיינען די **מסעות** פון די אידן? עס וואָלט געדאַרפט שטיין: "אלה **חניות** בני ישראל" דאָס זיינען די ערטער וואו די אידן האָבן זיך אָפּגעשטעלט און גערוהט?

**הביאור:** עס איז דאָך באַוואוסט וואָס דער הייליקער בעל שם טוב זאָגט אויף אונזער פסוק: "אלה מסעי בני ישראל" אַז די אַלע מסעות וואָס די אידן האָבן געהאַט אין מדבר זיינען דאָ אויכעט ביי יעדן אידן אין זיין עבודת ה' ברוחניות: ווען דער מענטש ווערט געבאָרן איז דאָס אַזוי ווי יציאת מצרים. און זיין גאַנצע לעבן איז ווי די אנדערע מסעות, ביז דער מענטש גייט אַוועק פון דער וועלט.

במשך די לעבן פון אַ מענטש האַלט ער אין איין גיין אין זיינע "מסעות". תורה מאָנט פון אַ איד אַז ער זאָל ניט בלייבן אויף אַן אָרט, נאָר ער זאָל זיין אַ "מהלך". דאָס הייסט, ער זאָל שטענדיק גיין און שטייגן העכער און העכער אין זיין עבודת ה'.

אין חסידות ווערט ערקלערט די אונטערשייד צווישן אַ "עומד" און

אַ "מהלך":

אַ "עומד" מיינט אַז ער שטייט אויף אַ אָרט (אין איין מדריגה) און וואַקסט ניט אין זיין עבודת ה'. אָבער אַ "מהלך" איז איינער וואָס גייט שטענדיק אַרויף צו אַ העכערע מדריגה אין זיין עבודת ה'.

די תורה מאָנט אַז אַ איד זאָל נישט זיין אַ "עומד" נאָר אַ "מהלך"; ער זאָל האַלטן אין איין פאַרבעסערן זיין הנהגה אין לימוד התורה און קיום המצות.

דערפאַר זאָגט דער פסוק: "אלה מסעי בני ישראל". כאָטש דער פרשה רעכנט אויס בעיקר די ערטער וואו די אידן האָבן זיך אָפּגעשטעלט און גערוהט, די אָנווייזונג פון דער פרשה איז ווי אַ איד דאַרף וואַקסן און גיין פון איין אָרט (אין עבודת ה') צו אַ העכערע אָרט.

---

**ההוראה:** יעדער איד דאַרף זיין אַ "מהלך". ער זאָל ניט בלייבן אין איין אָרט, נאָר ער זאָל גיין פון איין מדריגה צו אַ העכערע מדריגה און וואַקסן אין עבודת ה', "מחיל אל חיל"[34].

34. לקוטי שיחות חלק כג ע' 224.

ספר הרב מינץ.indd 164 06/08/2008 20:31:53

# בשער הפרשה

## ספר
# דברים

ספר מינץ.indd 165 06/08/2008 20:31:54

# פרשת דברים

אונזער פרשה הויבט זיך אָן: "אלה הדברים אשר דבר משה אל כל ישראל בעבר הירדן" - דאָס איז די רייד וואָס משה האָט גערעדט צו אַלע אידן אין "עבר הירדן".

**השאלה:** דאַרף מען פאַרשטיין: עבר הירדן איז אַ נאָמען פון אַ גאַנצע "שטח" פון לאַנד. אין די גרויסע "שטח" פון לאַנד גופא זיינען די אידן און משה געווען אין "ערבות מואב". האָט לכאורה געדאַרפט שטיין: "אלה הדברים אשר דבר משה אל כל ישראל **בערבות מואב**". און ניט "אלה הדברים אשר דבר משה אל כל ישראל **בעבר הירדן**"?

נאָכמער: גלייך פאַר דעם (אין דעם פריערדיקן פסוק, דעם לעצטן פסוק) אין ספר במדבר שטייט: "אלה המצות והמשפטים אשר צוה ה' וגו' **בערבות מואב** על ירדן יריחו" - דאָס זיינען די מצוות וואָס דער אויבערשטער האָט אָנגעזאָגט אין "**ערבות מואב**" וואָס איז גלייך לעבן "ירדן יריחו". אונזער פסוק, אין אָנהויב פון ספר דברים רעדט זיך דאָך וועגן דעם זעלבן פלאַץ. פאַרוואָס שטייט דארטן "ערבות מואב", און דאָ אין אונזער פרשה רופט עס דער פסוק אָן "עבר הירדן"?

**הביאור:** וועט מען עס פאַרשטיין בהקדים דעם חילוק צווישן ספר דברים און די אַנדערע פיר ספרים. אין די פריערדיקע פיר ספרים (בראשית, שמות, ויקרא, און במדבר) דערציילט אונז דער תורה וועגן די געשעענישן וואָס האָבן שוין געטראָפן (אָנהויבנדיק פון בריאת העולם, יציאת מצרים און אַזוי ווייטער), און אויך וועגן די מצות וואָס די אידן זיינען אויף זיי אָנגעזאָגט געוואָרן.

אָבער אין ספר דברים רעדט זיך וועגן אַ "הכנה" אויף וויַיטער: די "הכנה" וואָס משה האָט געמאַכט פאַר זיין הסתלקות, און ווי ער האָט צוגעגרייט די אידן אויף זייער אַריינגיין אין ארץ ישראל.

צוליב דעם איז אין ספר במדבר, וואו עס רעדט זיך טאַקע וואו די אידן זיינען יעמאָלט געווען, זאָגט דער פסוק קלאָר אַז זיי זיינען געווען אין ערבות מואב. אבער אין ספר דברים, וואו עס רעדט וועגן דעם עתיד (וועגן די "הכנה" אויף אַריינגיין אין ארץ ישראל) איז דער עיקר ארץ ישראל. און מצד ארץ ישראל איז "ערבות מואב" מערניט ווי איבער די ירדן "בעבר הירדן". עס איז ניט אַזוי נוגע צו דערציילן פונקט וואו אין "עבר הירדן" זיי זיינען געווען. דער עיקר איז אַז זיי זיינען געווען "בעבר בירדן" - אויפ'ן אַנדערע זייט פון ארץ ישראל.

אין ספר במדבר אָבער שטייט אַז די אידן זיינען געווען אין "ערבות מואב". ווייל אין יענע "ספר" רעדט זיך ניט וועגן זייער עתיד, נאָר דער פסוק וויל אונז זאָגן וואו די אידן זיינען טאַקע געווען אין יענע צייט.

---

**ההוראה:** ווייבאַלד אַז אונזער דור איז דער לעצטער דור פון גלות און דעם ערשטן דור פון גאולה, און מיר שטייען ממש ביים סוף פון גלות - ביי ערבות מואב, און מען האַלט שוין אָט אָט ביי איבערגיין דעם ירדן; דאַרפן מיר קוקן מיט א "ארץ ישראל'דיקע קוק", מיט א "גאולה'דיקע קוק" אויף גלות (עבר הירדן) און דערביי צואיילן נאָכמער די גאולה[1].

---

1. ספר השיחות ה'תשמ"ח חלק ב ע' 665.

# פרשת ואתחנן

היינטיקע פרשה הויבט זיך אָן מיט דעם וואָס משה האָט געזאָגט: "ואתחנן אל ה' בעת ההיא לאמר" - און איך האָב געדאַוועט צום אויבערשטן אין יענע צייט אַז איך וויל אַריין גיין אין ארץ ישראל.

רש"י איז מפרש: "אין חנון בכל מקום אלא מתנת חנם" - דער לשון פון חנון מיינט אַלעמאָל: צו דאַוונען און בעטן אַז דער אויבערשטער זאָל עפעס געבען אומזיסט (דאָס הייסט: ניט ווייל עס קומט אים). "אף על פי שיש להם לצדיקים לתלות במעשים טובים" - כאַטש אַז צדיקים האָבן דאָך "זכותים" אויף צו פאַרלאָזן; "אין מבקשים מאת המקום אלא מתנת חנם" - בעטן זיי ביי דער אויבערשטער אַז ער זאָל עס געבן צו זיי אומזיסט (ניט צוליב זייער "זכותים"); "דבר אחר" - אַן אַנדער פשט איז; "זה אחד מעשרה לשונות שנקראת תפילה" - דער לשון "ואתחנן" איז איינע פון די צען לשונות פון תפילה; "כדאיתא בספרי" - ווי עס שטייט אין ספרי.

דער אונטערשייד צווישן די צוויי פירושים איז: אויב דער לשון פון "חנון" איז אַ לשון פון תפלה, מיינט עס אַז צוליב דער תפלה (עבודה פון דער מענטש), זאָל דער אויבערשטער ענטפערן זיין בקשה. אָבער לויט דער פירוש אַז "חנון" מיינט געבן אַ מתנה אומזיסט, דעמאָלט מיינט עס אַז משה האָט געבעטן ביי דער אויבערשטערן פאר אַ מתנה, אַז ער זאָל קענען אַריינגיין אין ארץ ישראל.

**השאלה:** רש"י האָט דאָך געשריבן זיין פירוש צו מפרש זיין "פשוטו של מקרא", כדי אַז אפילו אַ "בן חמש למקרא" זאָל עס קענען פאַרשטיין. איז לכאורה אין "פשוטו של מקרא" פאַרשטאַנדיק אַז

"ואתחנן" מיינט אַ בקשה, אַ תפלה. האָט דאָך רש"י פריער געדאַרפט ברענגען די פשוט'ע פשט אין פסוק, און ערשט דערנאָך ברענגען די אַנדערע פשט (מתנת חינם) וואָס איז ניט אזוי קלאָר אין "פשוטו של מקרא".

נאָכמער: דער סדר איז דאָך אַז פריער דאַרף אַ איד טאָן אין עבודת ה', און ערשט דערנאָך קען ער דערגרייכן די מדריגה פון אַ צדיק וועלכע באַקומט די ברכות פון אויבערשטן אַלץ אַ "מתנת חינם". האָט דאָך רש"י פריער געדאַרפט ברענגען דער טייטש פון תפלה, און ערשט דערנאָך דעם צווייטן פירוש וועגן באַקומען אַ "מתנת חינם", ווי דער סדר דאַרף זיין. פאַרוואָס הויבט ער אָן גלייך מיט'ן פירוש פון "מתנת חינם"?

**הביאור:** דערמיט וויל אונז רש"י אויסלערנען די טייערקייט פון אַ איד: וויבאַלד אַז יעדער איד איז אַ בן אברהם יצחק ויעקב, און נאָכמער, יעדער איד איז דער אויבערשטנ'ס "בן יחיד"; איז אַפילו אויב ער געפינט זיך אויף אַ נידעריקע מדריגה אין זיין עבודת ה', מצד אָבער זיין שטאַרקע פאַרבונד מיט דעם אויבערשטן, קען ער אַפילו גאָר פון אָנפאַנג קריגן מצד "מתנת חינם".

**ההוראה:** וויבאַלד אַז יעדער איד איז אַ בן אברהם יצחק ויעקב, און דעם אויבערשטנ'ס "בן יחיד", איז אפילו ווען מיר געפינען זיך ניט אויף אַ הויכע מדריגה אין עבודת ה', קענען מיר בעטן און מאָנען פאַר דער גאולה אַלץ אַ "מתנת חינם", און דעמיט זאָלן מיר זוכה זיין בקרוב צו ביאת משיח צדקנו בקרוב ממש[2].

2. ספר השיחות ה'תשמ"ט חלק ב' ע' 726.

ספר הרבה מינע.indd 169 06/08/2008 20:31:55

# פרשת עקב

היינטיקע פרשה הויבט זיך אָן: "והיה עקב תשמעון את המשפטים האלה ושמרתם ועשיתם אתם" - און אַז איר וועט פאָלגן, היטן און טאָן די דאָזיקע משפטים; "ושמר ה' אלוקיך לך את הברית ואת החסד אשר נשבע לאבותיך"- וועט דער אויבערשטער אַייך היטן אין זכות פון אַייערע עלטערן.

צווישן די תרי"ג מצוות התורה זיינען פאַראַן דריי סוגים:

א) משפטים: מצוות וואָס לייגן זיך אָפּ אין מענטשליכע שכל. די מצוות וואָלט מען געטאָן אַפילו אויב דער אויבערשטער וואָלט אונז ניט אָנגעזאָגט צו זיי טאָן.

ב) עדות: מצוות וועלכע זיינען א צייכען (ווי שבת און סוכות) וואָס מען וואָלט ניט אַליין געטאָן. אָבער נאָך דעם ווי דער אויבערשטער האָט אונז אָנגעזאָגט, לייגט זיך עס אויך אָפּ אין שכל פון דער מענטש.

ג) חוקים: מצוות וועלכע זיינען העכער פון שכל, די מצוות וואָלט מען פון זיך אַליין ניט מקיים געווען. און אַפילו נאָך דעם וואס דער אויבערשטער האָט אונז אָנגעזאָגט אויף זיי, קען מען זיי ניט פאַרשטיין.

**השאלה:** שטעלט זיך די שאלה: פאַרוואָס דארף די תורה באווארענען וועגן די מצוות פון משפטים ("והיה עקב תשמעון את **המשפטים** האלה"). לכאורה האט עס געדאַרפט זיין פונקט פאַרקערט; "חוקים" (און "עדות") וואָס מען קען זיי ניט (אינגאַנצן) פאַרשטיין דאַרף די תורה באַוואָרענען אַז מען מוז זיי טאָן, כאָטש מיר קענען זיי ניט

פאַרשטיין. און דעמאָלט וועט דער מענטש מאַכן אַ "קל וחומר": מה דאָך "חוקים" (און "עדות") וואָס מען קען זיי ניט פאַרשטיין (אינגאַנצן) פונדעסטוועגן דאַרף מען זיין מקיים זיין; "משפטים" וואָס מען קען זיי יאָ פאַרשטיין, דאַרף מען זיי זיכער מקיים זיין. פאַרוואָס אבער שטייט אין פסוק "והיה עקב תשמעון את **המשפטים** האלה", א ספעציעלע באווארעניש וועגן די מצוות פון "**משפטים**"?

**הביאור:** דער פריערדיקער רבי זאָגט אויף דעם אַז דער לשון פון "עקב" באַדייט דער ענין פון "קבלת עול". ווי מען זעט דער עקב (די פיאַטע) פון אַ פוס איז אינגאַנצן בטל צום קאָפּ פון מענטש; עס טוט אַלץ וואָס די קאָפּ וועט נאָר הייסן.

דערמיט קען מען ענטפערן אונזער שאלה:

דער פסוק קומט צו זאָגן "והיה **עקב** תשמעון את **המשפטים** האלה": אויך די מצוות וואָס זיינען "משפטים" דאַרף מען מקיים זיין אין א אופן פון "עקב"; מען דארף זיי טאן ניט ווייל אַזוי לייגט זיך אָפּ אין שכל, נאָר מען דאַרף זיי מקיים זיין מיט "קבלת עול", ווייל אַזוי האָט דער אויבערשטער געהייסן.

**ההוראה:** יעדער איד דאַרף וויסן אַז ווען ער טוט אַ מצוה (אפילו ווען ער פאַרשטייט דער טעם אויף דער מצוה), זאָל ער עס טאָן ניט ווייל ער פאַרשטייט עס, נאָר ווייל דער אויבערשטער האָט אים אַזוי געהייסן[3].

3. לקוטי שיחות חלק לד ע' 452.

# פרשת ראה

הײנטיקע פרשה הויבט זיך אָן אַז װען מען װעט פאָלגן דעם אויבערשטן און טאָן דאס װאָס דער אויבערשטער װיל (תורה און מצוות) װעט מען קריגן די ברכות פון ה'. און אויב ניט, חס ושלום, װעט מען קריגן קללות, רחמנא ליצלן. װי דער פסוק זאָגט: "ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה" - קוק איך גיב הײנט פאַר אַײך ברכות - "את הברכה אשר תשמעו אל מצות ה' אלוקיכם" - װען איר װעט פאָלגן דעם אויבערשטן און טאָן תורה און מצוות װעט איר קריגן די ברכות;."והקללה אם לא תשמעו" - און אויב איר װעט ניט פאָלגן דעם אויבערשטן, װעט איר באקומען די קללות.

**השאלה:** װײבאַלד אַז יעדער װאָרט אין תורה איז מדוייק, פאַרװאָס נוצט דער תורה אַן אַנדער לשון בײ די ברכות װי בײ די קללות:

בײ די ברכות שטײט: "את הברכה **אשר** תשמעו" - **װען** איר װעט פאָלגן דעם אויבערשטן (װעט איר באַקומען די ברכות). װײטער אין פסוק שטײט: "והקללה **אם** לא תשמעו אל מצות ה' אלקיכם" - **אויב** איר װעט פאָלגן (װעט איר באַקומען די קללות)?

**הביאור:** פון דאָ לערנען מיר אַ װיכטיקע הוראה פאַר יעדער איד:

יעדער איד האָט אין זיך אַ נשמה, װעלכע איז אַ "חלק אלוקה ממעל ממש", און במילא װעט ער זיכער פאָלגן דעם אויבערשטן און טאָן תורה און מצוות. דאָס װאָס אַמאָל קען זײן אַז ער פאָלגט ניט, איז דאָס נאָר אַ צײטװײליקע זאַך. אָבער סוף כל סוף װעט ער זיכער פאָלגן דעם אויבערשטן און זיך פירן װי ער דאַרף. דעריבער בײ די ברכות

שטייט: "**אשר** תשמעו אל מצות ה' אלוקיכם" - **ווען** איר וועט פאָלגן דעם אויבערשטן.

ווען דער תורה רעדט אָבער וועגן די קללות, יעמאָלט ווערט גענוצט דער לשון "**אם** לא תשמעו " - **אויב** איר וועט ניט פאָלגן, און ניט "אשר" (ווען), ווייל ניט פאָלגן איז קעגן די נאַטור פון זיין נשמה.

**ההוראה:** מיר דאַרפן וויסן אַז יעדער איד וועט זיכער גיין אויף די ריכטיקע וועג, און דורכדעם וועט ער באַקומען אַלע ברכות. גלייך פון זיין בר מצוה[4], דאַרף אַ איד וויסן אַז ער האָט אַ נשמה וואָס וויל אַלעמאל פאָלגן דאָס וואָס דער אויבערשטער וויל, און ער וועט דערפאַר באַקומען די אַלע ברכות פון תורה, וועט דאָס אים געבן די כח צו דאָס אויספירן און באַקומען אַלע ברכות ווי עס שטייט אין פרשה[5].

4. די הוראה האָט דער רבי געשריבען צו אַ קינד וואָס איז געוואָרען אַ בר מצוה שבת פרשת ראה, ה'תשי"ב.

5. אגרות קודש חלק ו ע' רפ.

# פרשת שופטים

היינטיקע פרשה הויבט זיך אָן: "שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך אשר ה' אלקיך נותן לך לשבטיך" - איר זאָלט באַשטימען "שופטים" און "שוטרים" אין אַלע שטעט וואָס דער אויבערשטער גיט דיר.

רש"י ערקלערט די מצוה: "שופטים: דיינים הפוסקים את הדין" - "שופטים" מיינט די דיינים און רבנים וועלכע פסק'ענען דעם דין. "ושוטרים: הרודין את העם אחר מצותם" - און "שוטרים" מיינט די וואָס מאַכן זיכער אַז דער פאָלק טוט וואָס דער שופט פסק'נט. "שמכין וכופתין במקל וברצועה עד שיקבל עליו את דין השופט" - זיי שמייסן דעם מענטשן ביז ער נעמט אָן אויף זיך דאָס וואָס דער שופט האָט גע'פסק'נט.

**השאלה:** פון פסוק איז משמע אַז באַשטימען "שופטים" און "שוטרים" זיינען צוויי באַזונדערע מצוות. דער שופט זאָגט דעם "פסק דין", און דער שוטר'ס אויפגאַבע איז צו פאַרזיכערן אַז דער מענטש זאָל אויספירן דאָס וואָס דער שופט האָט געזאָגט.

אָבער לפועל זעט מען אַז אַלע ספרים וואָס רעכענען אויס די תרי"ג מצוות התורה (די "מוני המצוות") רעכענען שופטים און שוטרים אַלץ **איין מצוה**.

שטעלט זיך די שאלה: די "מוני המצוות" האָבן לכאורה געדאַרפט זיי ציילן אַלץ צוויי באַזונדערע מצות. איין מצוה צו באַשטימען "שופטים", און אַ צווייטע מצוה צו שטעלן "שוטרים"? פאַרוואָס רעכענען זיי די "מוני המצוות" ווי איין מצוה?

**הביאור:** דער תפקיד פון דער שופט איז ניט נאר צו געבן דעם "פסק דין", נאר ער דארף אויך אויספירן זיין פסק דין לפועל[6]. נאָר אויב ער קען ניט אליין, דעמאָלט העלפט אים דער "שוטר" צו פאַרזיכערן אַז דער מענטש זאָל פאָלגן וואָס דער "שופט" זאָגט. אבער דער תפקיד פון דעם "שוטר" איז מערניט צו העלפן דעם שופט **אין זיין תפקיד** - צו אויספירן די פסק דין[7].

דערפאַר איז דער מצוה צו מאַכן "שופטים" און "שוטרים" גערעכענט ווי **איין מצוה**, און ניט צוויי מצוות:

אויב יעדער איינער וואלט געהאט זיין באזונדער תפקיד (דער שופט צו פסק'ענען, און דער שוטר צו אויספירן דער דין) יעמאלט וואלט זיי טאקע געדארפט זיין צוויי באזונדערע מצוות. וויבאלד אבער דער תפקיד פון דעם "שוטר" איז מערניט צו ארויסהעלפן דעם שופט אין זיין תפקיד (צו אויספירן די פסק דין), האט ניט קיין ארט צו זיי רעכענען אלץ צוויי באזונדערע מצות; זיי זיינעןביידע א חלק פון דער זעלבע מצוה.

ווען דער תורה רעדט וועגן די טעג פון משיח, זאָגט דער פסוק: "ואשיבה **שופטיך** כבראשונה" - און איך וועל אומקערן דיינע "**שופטים**" אַזוי ווי פריער; דאָרט ווערט ניט דערמאָנט "שוטרים". ווייל ווען משיח וועט קומען וועלן אלע אידן אויספירן דאס וואס די שופטים און דיינים

6. ווי מיר האבן געלערנט פריער אין פרשת בלק, ווען משה האט אנגעזאגט די שופטים: "הרגו איש אנשיו", און ווי רש"י איז דארט מפרש אז יעדער איינער פון די דיינים האבן גע'הרג'עט צוויי. אזוי אויך זעט מען די תפקיד פון דער שופט שפעטער אין פרשת כי תצא (כה, ב).

7. דעריבער געפינען מיר אז אין די צייט פון משה האט מען נישא געדארפט קיין שוטירם, ווייל די אידן האבן מורא געהאט גענוג פון די שופטים אליין, און האבן אויסגעפירט זייער פסקי דין.

הייסן, און זיי וועלן נישט דארפן אנקומען צו שוטרים.

**ההוראה:** דער ענין פון באשטימען "שופטים" איז פארבונדן מיט לימוד התורה, וויבאלד זיי פסק'ענען די הלכות פון תורה. "שוטרים" גייט אויף קיום המצות בפועל, וויבאלד זייער תפקיד איז צו ארויסהעלפן מיט אויספירן די פסק דין **לפועל**.

פון דא לערנט מען אפ אז לימוד התורה ("שופטים") מוז קומען צוזאמען מיט קיום המצות ("שוטרים"), ווי חז"ל זאגן[8]: "תכלית חכמה - תשובה ומעשים טובים", דער גאנצער תכלית פון לימוד התורה איז כדי צו ברענגען צו תשובה און מעשים טובים.

אזוי ווי מיר קענען ניט אפזונדערן דער שופט פון דער שוטר (זיי זיינען **איין מצוה**), אזוי אויך קענען מיר ניט אפשיידן לימוד התורה פון קיום המצות. אויב לימוד התורה ברענגט ניט צו קיום המצות, איז דער לימוד התורה נישט ווי עס דארף צו זיין[9].

8. גמרא ברכות יז, א.

9. לקוטי שיחות חלק לד ע' 89.

# פרשת כי תצא

היינטיקע פרשה הויבט זיך אָן: "כי תצא למלחמה על אויביך" - ווען דו וועסט אַרויסגיין צו מלחמה האַלטן מיט דיינע פַיינט - "ונתנו ה' אלוקיך בידך" - וועט דער אויבערשטער זיי געבן אין דיינע הענט (און דו וועסט זיי געווינען).

**השאלה:** דאַרף מען פאַרשטיין: ערשט שטייט: "אויב**יך**" - דיינע פיינט - לשון רבים, און דערנאָך שטייט "ונתנ**ו**" לשון יחיד?

**הביאור:** וועט מען עס פאַרשטיין בהקדים: עס זיינען פאַראַן צוויי סאָרטן פיינט, ברוחניות: א) עס איז פאַראַן אַ פיינט וואָס ער האָט פיינט דעם גוף און די גשמיות פון אַ איד. און ב) עס איז פאַראַן אַ פיינט וואָס ער האָט פיינט די נשמה און די רוחניות פון אַן איד.

ווען א איד שטאַרקט זיך און ער געפינט זיך "על אויביך" - ער שטייט לכתחילה העכער פון זיינע פיינט, דאַן "ונתנ**ו**" - גיט דער אויבערשטער דער שורש פון זיינע פיינט, וואָס באמת איז עס איין שורש (ווי באַוואוסט אַז דער "יצר הרע", וואָס איז זיין פיינט ברוחניות, קומט פון דער זעלבע שורש ווי דער "מלאך המות", וואָס האָט אים פיינט בגשמיות). און דערפאַר שטייט "ונתנ**ו**" לשון יחיד.

און נאָכדעם שטייט "ושבית שביו" אַז נאָכדעם ווי האָט שוין דעם פיינט - דעם (שורש פון דעם) יצר הרע - אין זיינע הענט, נעמט ער אויך אין געפענגעניש די זאַכן פון יצר הרע און ער הויבט עס זיי אויף צו קדושה.

**ההוראה:** ווען איינער איז "לוחם" קעגן זיין יצר הרע און דער אויבערשטער גיט אים דער יצר הרע אים אין זיינע הענט, איז ניט גענוג וואס דער יצר הרע איז שוין נישטא; ער דארף נאָכאַלץ איבערמאַכן די שורש פון יצר הרע צו קדושה[10].

10. אגרות קודש חלק כ ע' שכז.

06/08/2008 20:31:55 ספר הרב מינץ.indd 178

# פרשת כי תבוא

היינטיקע פרשה הויבט זיך אָן מיט די מצוה פון ביכורים. די תורה זאָגט: "והיה כי תבוא אל הארץ אשר ה' אלוקיך נותן לך נחלה" - ווען איר וועט קומען צו די לאַנד וואָס דער אויבערשטער גיט אייך; "וירשתה" און איר וועט עס ירש'נען; "וישבת בה" - און איר וועט זיך באַזעצן אין איר; "ולקחת מראשית כל פרי האדמה" - (דעמאָלט) זאָלט איר נעמען פון די ערשטע פרוכט פון די לאַנד און עס ברענגען צום בית המקדש אַלץ "ביכורים".

אויף דעם איז רש"י מפרש: "מגיד" - פון דאָ לערנט מען אַרויס: "שלא נתחייבו בביכורים" - אַז די אידן זיינען ניט געווען מחוייב אין די מצוה פון ביכורים; "עד שכבשו את הארץ" - ביז די אידן האָבן איינגענומען ארץ ישראל; "וחלקוה" - און עס פאַרנאַנדערגעטיילט צווישן **אַלע** אידן.

ווי עס איז באַוואוסט, האָט עס גענומען זיבן יאָר צו אַיינעמען ארץ ישראל, און זיבן יאָר צו מחלק זיין ארץ ישראל צווישן די בני ישראל.

**השאלה:** דער טעם פאַרוואָס מען ברענגט ביכורים איז כדי צו אָפּדאַנקען דעם אויבערשטן אויף דעם וואָס ער האָט אונז אַריינגעבראַכט אין ארץ ישראל, און אונז געגעבן די מעגליכקייט צו הנאה האָבן פון אירע פרוכט.

אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט דער מצוה פון ביכורים ערשט אָנגעפאַנגען נאָכדעם וואָס **אַלע** אידן האָבן געהאַט זייער "חלק" אין לאַנד? ווען דער ערשטער איד האָט באַקומען זיין חלק אין לאַנד און האָט זיך באַזעצט

אין ארץ ישראל, האָט ער שוין הנאה געהאט פון ארץ ישראל און פון אירע פרוכט. אויב אזוי, האט ער לכאורה שוין געדארפט ברענגען גלייך ביכורים. פאַרוואָס האט ער געדאַרפט וואַרטן צו ברענגן ביכורים ביז אַלע אידן האָבן באַקומען זייער חלק און זיך באַזעצט אין לאַנד?

**הביאור:** אַלע אידן זיינען דאָך פאַרבונדן צווישן זיך. דערפאַר, כל זמן עס איז געבליבן **איין איד** וואָס האָט נאָך ניט באַקומען זיין חלק אין לאַנד, פעלט עס אין די הנאה פון אַלע אידן; עס קען ניט זיין ביי א צווייטע איד די הנאה בשלימות[11]. און וויבאַלד אַז די הודי' צום אויבערשטן דאַרף זיין בשלימות, דערפאַר האָבן זיי געוואַרט ביז אַלע אידן וועלן קריגן זייער חלק פון ארץ ישראל.

**ההוראה:** פונקט ווי די אידן האָבן דעמאָלט געהאַט אַזאַ "אהבת ישראל", אַז זיי האָבן ניט געקענט האָבן הנאה פון זייער חלק אין ארץ ישראל ביז יעדער איד האָט געהאַט זיין חלק אין לאַנד; אַזוי אויך דאַרפן מיר האָבן אַזאַ אהבת ישראל. און אין דעם זכות וועט מען זוכה זיין צום "והיה כי תבוא אל הארץ" די כניסה צו ארץ ישראל מיט משיח צדקנו ביי די גאולה האמיתית והשלימה בקרוב ממש[12].

11. זע אויך די הוראה פון פרשת ויגש.

12. לקוטי שיחות חלק ט ע' 551.

ספר הבר מינץ.indd 180 06/08/2008 20:31:55

# פרשת נצבים

פרשת נצבים הויבט זיך אָן: "אתם נצבים היום כלכם לפני ה' אלוקיכם" - איר אַלע צוזאַמען שטייען יעצט פאַר ג-ט; "ראשיכם שבטיכם" - סיי די הויפט פון די שבטים; "זקניכם" - סיי די זקנים; "ושטריכם" - און סיי די פאָליציי; "כל איש ישראל" - יעדער איד; "טפכם" - סיי די קינדער; "נשיכם" - סיי די פרויען; "וגרך אשר בקרב מחניך" - און סיי די גרים וואָס זיינען אין אייער מחנה; "מחוטב עציך" - פון די האָלץ-האַקער; "עד שואב מימיך" - ביז די וואַסער טרעגער.

**השאלה:** דער פסוק הויבט אָן מיטן זאָגן: "אתם נצבים היום **כולכם**" - איר שטייען, **אַלע צוזאַמען**. דערנאָך אָבער רעכנט אויס דער פסוק די פאַרשידענע סוגים פון אידן. לכאורה אָט די זיי צוויי זאַכן זיינען פאַרקערט איינעם פון צווייטען. "כולכם" דערציילט אונז ווי אַלע אידן שטיין צוזאַמען ווי איין מציאות. אָבער פון דאָס וואָס דער תורה רעכענט אויס נאָכדעם די באַזונדערע סוגים פון אידן, זעט מען פונקט פאַרקערט; ווי יעדער איד איז **אַנדערש**. יעדער איד האָט **זיין** פערזענליכע תפקיד וואָס **ער** דאַרף טאָן, וואס האָט גאָרניט צו טאָן מיט אַן אַנדער איד.

אויב אַזוי, ווי קען זיין אַז דער זעלבן פסוק וואָס איז מדגיש ווי אַלע אידן זיינען **גלייך** און שטיין **צוזאַמען**, רעכנט אויס אין דער זעלבע צייט ווי זיי זיינען **אַנדערש**, מיט באַזונדערע תפקידים?

**הביאור:** דער חילוק צווישן "נצבים" און "עומדים" איז:

"עומדים" מיינט 'סתם' שטיין. אָן אַ ספּעציעלע טעם אָדער תכלית.

"נצבים" אָבער מיינט אַ שטאַרקע און פעסטע שטעלונג. ווען דער פסוק זאָגט אונז "אתם **נצבים** היום כלכם לפני ה' אלוקיכם" מיינט עס צו זאָגן אַז אידן שטייען ניט נאָר אין אַ אופן פון "עומדים", נאָר אין אַ פעסטע און שטאַרקע אופן פון "נצבים", מיט אַ טיפן וויסן אַז מ'שטייט פאַר דער אויבערשטער ("לפני ה' אלוקיכם"). וואָס יעמאָלט שטייען אַלע אידן צוזאַמען ווי איין מציאות. כאָטש יעדער איד האָט טאַקע זיינע מעלות און באַזונדערע תפקידים, אָבער שטייענדיק "נצבים לפני ה' אלוקיכם", ברענגט דערצו אַז מיר זיינען "כולנו כאחד", אַלע גלייך און ווי איין מציאות.

דאָס איז דער פסוק מדגיש: כאָשט יעדער איינער האָט זיינע פרעזענלעכע מעלות און תפקידים (וואָס אַזוי דאַרף זיין) איז צוזאַמען דערמיט קענען מיר זיין אַלע צוזאַמען מיט אחדות ווען מיר קומען צוזאַמען צו שטיין "לפני ה' אלוקיכם", צו טאָן וואָס דער אויבערשטער וויל.

דערמיט איז פאַרשטאַנדיק די ביידע זאַכן אין דעם זעלבן פסוק: יעדער איד האָט זיין עבודה, זיינע מעלות און תפקידים. אַזוי האָט דער אויבערשטער אונז באַשאַפן, כדי אַז יעדער איינער זאָל קענען אויפטאן זיין פרעזענלעכע עבודה אין וועלט.

אויב אַזוי ווי איז מעגלעך צו שאַפן א פאַראייניקונג (אחדות) פון פאַרשידענע מענטשן מיט באַזונדערע געדאַנקען און אינטערעסן?

דער ענטפער איז "לפני ה' אלוקיכם": די פאַראייניקונג פון אַלע אידן איז מעגלעך ווייל זיי זיינען שוין פאַרבונדן דורך זייער נשמה, זייער נפש האלוקית, וואָס איז א "חלק אלוקה ממעל ממש". דעריבער שטייענדיק "לפני ה' אלוקיכם", ברענגט עס אַרויס דער נשמה פון יעדן

פספ ברה מינע.indd 182 06/08/2008 20:31:55

איד, דאָס וואָס פאַראייניקט אַלע אידן צוזאַמען ("כולכם").

מיט דעם וויל אונז דער תורה לערנען אַ מורא'דיקע הוראה: ווען אידן שטייען אַלע צוזאַמען "לפני ה' אלוקיכם" - מיט **איין צוועק**, צו דינען דעם אויבערשטן, דאַן ווערן די אַלע פארשידענע סוגים פון "ראשיכם" "שבטיכם" ביז "חוטב עציך" און "שואב מימך" ווי איין מציאות - "כולכם".

**ההוראה:** כאָטש יעדער איד איז אַנדערש און האָט זיינע מעלות און אינטערעסן, ווען מיר פאַראייניקן זיך צו דינען דעם אויבערשטן, ברענגט עס אַרויס אונזער נשמה, וואָס יעמאָלט זיינען מיר אַלע גלייך און צוזאַמען[13].

13. אגרות קודש חלק כא ע' שמב.

# פרשת וילך

היינטיקע פרשה הויבט זיך אָן אַז משה האָט געזאָגט צו די אידן: "ה' אמר אלי" - דער אויבערשטער האָט מיר געזאָגט; "לא תעבור את הירדן הזה וגו'" - דו וועסט ניט איבערגיין דעם ירדן; "יהושע הוא עובר לפניך" - יהושע וועט אייך אַריין נעמען אין ארץ ישראל.

**השאלה:** לכאורה דאַרף מען פאַרשטיין: עס איז באַוואוסט אַז אויב משה וואָלט אַריינגענומען די אידן אין ארץ ישראל, וואָלט מען ניט געדאַרפט האָבן קיין מלחמות אויף אַיינעמען ארץ ישראל. אָבער ווען יהושע האָט אַריין גענומען די אידן אין ארץ ישראל האָט מען געדאַרפט אָנקומען צו אַסאַך מלחמות און שוועריקייטן. אויב אַזוי פאַרוואָס טאַקע האָט משה ניט אריין גענומען די אידן אין ארץ ישראל?

**הביאור:** ווי באַוואוסט, דער עבודה פון אַ מענטש אויף דער וועלט איז צו מאַכן אַ "דירה" פאַר'ן אויבערשטן "בתחתונים" - דאָ אין דעם גשמיות'דיקע וועלט. דאָס הייסט, אַרבעטן צוזאַמען מיט דער וועלט און ניט ברעכן די וועלט. דערמיט וועט דער וועלט גופא זיך אויפהייבן און ווערן הייליק ווי דער אויבערשטער וויל.

אויב משה רבינו וואָלט אַריינגענומען די אידן צו ארץ ישראל, וואָלטן די אַנדערע פעלקער (און די קליפות) טאַקע נתבטל געוואָרען, אָבער נאָר צוליב די גרויסקייט און הייליקייט פון משה. אָבער זיי וואָלטן אַליין געבליבן ווער זיי זיינען און מיט א צייט שפעטער וואָלטן זיי זיך ווידער אַנטקעגן געשטעלט די אידן און קדושה. מען וואָלט אויף זיי און די וועלט גאָרניט גע'פועל'ט.

דערפאַר האָט דוקא יהושע אַריין גענומען די אידן אין ארץ ישראל. וואס כאָטש די כח און ליכטיקייט פון יהושע איז נישט געווען ווי משה רבנו, האָט ער אָבער זיך פאַרנומען מיט וועלט, מלחמה געהאַט מיט די פעלקער, מיט דער כוונה צו זיי איבערמאַכן אין קדושה.

**ההוראה:** אונזער תפקיד איז צו איבערמאַכן דער וועלט, אין א אופן פון "בכל דרכיך דעהו", דורך ברענגען הייליקייט אין אונזער גשמיות'דיקע לעבן, און דורכדעם וועלן מיר זוכה זיין צו אריינגיין אין ארץ ישראל ביי די גאולה בקרוב ממש[14].

14. לקוטי שיחות חלק ט ע' 75

# פרשת האזינו

היינטיקע פרשה הויבט זיך אָן, מיט דעם וואָס משה רבנו האָט גערעדט צו די בני ישראל און די הימל און ערד זיינען געווען "עדים" צו זיין רייד: "האזינו השמים ואדברה ותשמע הארץ אמרי פי" - הערט זיך אַיין די הימל און די ערד צו דאָס וואָס איך זאָג.

שטייט אויף דעם אין ספרי: פון דאָ לערנט מען אַרויס אַז משה רבינו איז געווען נאָענט צום הימל (צו רוחניות) און ווייט פון דער ערד (גשמיות). ווייל ווען ער דערמאָנט די הימל (שמים) האָט ער גענוצט דעם לשון "האזינו", וואָס דאָס איז אַ לשון פון ריידן ווען איינער איז נאָענט. אָבער ווען ער האָט דערמאָנט די ערד (ארץ) שטייט "ותשמע", וואָס דאָס איז אַ לשון פון ריידן צו איינער וואָס איז ווייט.

**השאלה:** וויבאַלד אַז יעדער זאַך אין תורה איז אַ הוראה פאַר אונז אין אונזער עבודת ה', דאַרפן מיר קענען עפעס אַרויס לערנען פון דעם. ווי קען זיין אַז יעדער איד זאָל קענען שטיין אין דער מדריגה פון משה רבינו; צו זיין נאָענט צום הימל (צו רוחניות) און ווייט פון דער ערד (גשמיות)?

נאָכמער: ביי ישעי' הנביא שטייט פונקט פאַרקערט: "שמעי שמים והאזיני ארץ" - אַז ער איז געווען נאָענט צו "ארץ" און ווייט פון "שמים". איז אויב ישעי' הנביא[15] האָט ניט געקענט זיין אויף דעם מדריגה פון משה רבינו; ווי קען עס זיין א הוראה פאר אַלע אידן, צו וועלכע די תורה איז געגעבן געוואָרן, צו דערגרייכן אַזאַ הויכע מדריגה אין

15. וואס ווערט אנגערופן אין מדרש (ילקוט שמעוני, ישעי' רמז שפה) דער "גדול שבנביאים".

עבודת ה׳?

**הביאור:** ״שמים״ ווייזט אויף תורה, און ״ארץ״ גייט אויף מצות. אין יעדער איינעם (סיי אין תורה און סיי אין מצות) איז דאָ אַ מעלה:

לימוד התורה: ווען אַ מענטש לערנט תורה ווערט ער פאַראייניציקט מיט ה׳.

קיום המצות: ווען אַ מענטש איז מקיים אַ מצוה ברענגט ער אַראָפּ ג-טליכקייט און הייליקייט אויף דער גשמיות׳דיקע וועלט. דערמיט מאַכט ער א ״דירה לו יתברך בתחתונים״.

אין זיין עבודת ה׳, דאַרף אַ מענטש זיך פאַרנעמען מיטביידע זאכן, סיי לימוד התורה און סיי קיום המצות. אין אָנהויב פון זיין עבודת ה׳, דאַרף אַ מענטש ערשט זיין ״קרוב לשמים״ - נאָענט צום הימל; ער דאַרף זיך פאַרנעמען בעיקר מיט לימוד התורה. ער דאַרף ניט יאָגן צו דערהויבן די וועלט, נאָר זיין עיקר געשמאַק דאַרף זיין אין לימוד התורה.

נאָכדעם ווי דער מענטש איז עוסק אין תורה, דאַרף ער וויסן אז ״לא המדרש עיקר אלא המעשה[16]״, און ער דאַרף אויך זיך פאַרנעמען מיט מאַכן די וועלט פאַר אַ ״דירה לו יתברך בתחתונים״.

דער עיקר ענין פון משה רבינו איז געווען תורה (״תורה צוה לנו משה״), איז ער במילא געווען נאָענט צו ״שמים״ און ווייט פון ״ארץ״. פון דעם איז דאָ אַ אָפּלערנונג אַז יעדער איד דאַרף זיין נאָענט צו ״שמים״ און זיין פאַרבונדן מיטן אויבערשטן דורך לימוד התורה.

---

16. פרקי אבות פרק א משנה יז.

ישעי' הנביא איז אבער געווען נאָענט צו "ארץ", צו מעשה המצות. ווייל זיין עיקר נבואה איז געווען וועגן די גאולה העתידה, וואס דאַן וועט זיין "מעשה גדול" - קיום המצות וועלן זיין גרעסער און מער וויכטיק ווי לימוד התורה. דערפאַר האָט ער אָנגעוויזן די הוראה אַז אַ איד זאָל זיין "קרוב לארץ", זיך קאָכן אין קיום המצות און מאַכן די וועלט פאַר אַ "דירה לו יתברך בתחתונים", און דורכדעם זוכה זיין צו די גאולה האמיתית והשלימה בקרוב ממש.

**ההוראה:** יעדער איד דאַרף זיך פאַרנעמען ערשט מיט לימוד התורה און דערנאָך מיט מאַכן די וועלט פאַר אַ "דירה לו יתברך בתחתונים" און דערביי צוגרייטן זיך און די וועלט אַרום אים פאַר די גאולה[17].

17. לקוטי שיחות חלק ט ע' 402 ואילך.

ספר הרב מינע.indd 188 06/08/2008 20:31:55

# פרשת וזאת הברכה

היינטיקע פרשה הויבט אָן: "וזאת הברכה אשר ברך משה איש האלקים את בני ישראל לפני מותו" - און דאָס איז די ברכה וואָס משה רבינו האָט געבענטשט די אידן פאר זיין הסתלקות.

אין די ענדע פון די פרשה רעדט זיך וועגן דעם וואָס משה האָט צובראָכען די לוחות. איז רש"י מפרש אויף דעם: אַז ווען משה האָט געמאַכט די צווייטע לוחות האָט דער אויבערשטער אים געזאָגט "יישר כחך ששברת", דער אויבערשטער האט אים געדאַנקט פאַר ברעכן די ערשטע לוחות.

**השאלה:** דאַרף מען פאַרשטיין: ווי קען זיין אַז די פרשה וואָס רופט זיך מיט'ן נאָמען "וזאת **הברכה** (אשר ברך משה את **בני ישראל**)" זאָל זיך ענדיקן מיט די מעשה פון חטא העגל?

נאָכמער: דאָס איז דאָך געווען די לעצטע ברכה וואָס משה רבנו האָט געבענטשט די אידן פאַר זיין הסתלקות, איז ווי קען זיין אַז משה זאָל ענדיקן זיין לעצטע ברכה מיט דערמאָנען די מעשה פון חטא העגל, וואס איז גאר א גרויסע בזיון פאר די בני ישראל?

**הביאור:** מוז מען זאָגן אַז דאָס וואָס משה האָט צובראָכן די לוחות איז ניט נאָר אַלץ אַ מעלה פאַר עם (וואָס דערפאַר האָט אים דער אויבערשטער געדאַנקט); נאָר אויך פאר אַלע אידן איז עס געווען אַ מעלה. און דעריבער ווערט עס דערמאנט אין פרשת "וזאת **הברכה אשר ברך משה את בני ישראל**".

וועט מען דאָס פאַרשטיין דורך מקדים זיין נאָך אַ שאלה:

וועגן חטא העגל זעהט מען אַז די זעלבע אידן וועלכע זיינען דורכגעפאַלן ר"ל אין דינען דעם עגל האָבן אַליין געזען די נסים ונפלאות פון ה' באַ יציאת מצרים און קריעת ים סוף. זיי זיינען אויך געווען באַ "מעמד הר סיני" ווען דער אויבערשטער האָט זיך צו זיי אַנטפלעקט און געגעבן די תורה. ווי קען זיין אַז פערציק טעג נאָך מתן תורה האָבן אָט די זעלבע מענטשן געווען גרייט צו דינען דעם "עגל הזהב"?

זאָגט אויף דעם די גמרא[18] "לא עשו ישראל את העגל אלא ליתן פתחון פה לבעלי תשובה... לא היו ישראל ראויין לאותו מעשה" - מצד זייער רוחניות'דיקע מצב זיינען די אידן טאַקע ניט געווען שייך צו עובר זיין אויף אַזאַ האַרבע עבירה. ווי רש"י איז דאָרט מפרש אַז "אלא גזירת מלך היתה" - עס איז געווען אַ "גזירה" פון דעם אויבערשטן אַז אידן זאָלן דורכפאַלן מיט דעם חטא; "כדי ליתן פתחון פה לבעלי תשובה" - כדי צו אונז אויסלערנען וועגן דעם ענין פון תשובה; "שאם יאמר החוטא לא אשוב שלא יקבלני" - אויב אַ מענטש וועט עובר זיין אַן עבירה וועט ער מיינען אַז ער קען נישט תשובה טאָן; "אומרים לו: צא ולמד ממעשה העגל, שכפרו ונתקבלו בתשובה" - לערנט מען אָפּ פון מעשה העגל אַז כאָטש די אידן האָבן דורכגעפאַלן מיט אַזאַ האַרבע חטא, פונדעסטוועגן האָט זיי דער אויבערשטער מכפר געווען.

דער ענין פון "ליתן פתחון פה לבעלי תשובה" מיינט ניט נאָר פאַר די בעלי תשובה אין שפּעטערדיקע דורות, נאָר אויך פאַר די אידן אין יענעם צייט (די וואָס האָבן דורכגעפאַלן אין חטא העגל), אַז זיי אויך זאָלן קענען צוקומען צו די מעלה פון תשובה[19].

וואָס דערפאַר האָט משה דערמאָנט די מעשה פון חטא העגל: ווייל

18. עבודה זרה ד, ב.

19. זע אויך פריער די שיחה אויף פרשת כי-תשא.

ער האָט געוואָלט אויסלערנען די אידן דעם ענין פון תשובה - "כדי ליתן פתחון פה לבעלי תשובה".

און דער ענין פון תשובה איז אזוי וויכטיק, ביז אז עס ווערט דערמאָנט אין די לעצטע פרשה אין תורה, וואו עס ווערט דערציילט די ברכות וואָס משה רבינו האָט געבענטשט די אידן פאַר זיין הסתלקות.

**ההוראה:** אַפילו בשעת אַ איד פאַלט דורך אַמאָל און איז עובר רחמנא-ליצלן אויף אַן עבירה, דאַרף ער זיך אָפּלערנען פון די "מעשה העגל" ווי ער קען תשובה טאָן; ער דאַרף וויסן אַז דורך זיין תשובה קען ער דערגרייכן צו נאָך אַ העכערע מדריגה און זיין אפילו נאָך שטאַרקער פאַרבונדן מיט דעם אויבערשטן[20].

20. לקוטי שיחות חלק ט ע' 732.

ספר הרב מינע.indd 191 06/08/2008 20:31:55

ספר הרב מינץ.indd 192 06/08/2008 20:31:55

# מוקדש

לחיזוק ההתקשרות לכ"ק אדמו"ר

נשיא דורנו

ספר הרבה מינץ.indd 193 06/08/2008 20:31:55

לזכות

**הת' מנחם מענדל שי' מינץ**

לרגל הכנסו לעול המצוות

ביום ועש"ק פ' מסעי שבת חזק, כ"ט תמוז, ה'תשס"ח

ולזכות אֶחיו

**הת' אייזיק גרשון, לוי, יוסף, שלום דובער, אברהם זאב ויהושע זעליג שיחיו**

**ואחותו חי' מושקא שתחי'**

יהי רצון שיגדל להיות חסיד, ירא שמים ולמדן כרצון-קדשו ולנחת רוח כ"ק אדמו"ר ויעלה מחיל אל חיל בלימודו ובהנהגתו בדרכי החסידות בתוך בריאות הנכונה לאורך ימים ושנים טובות

נדפס על ידי ולזכות הוריהם

**הרה"ת אפרים שמואל וזוגתו מ' שיינא באשא שיחיו**

זקניהם

**מרת פעסל שתחי' מינץ**

**הרה"ת ר' יצחק הלוי וזוגתו מרת חנה דבורה שיחיו גורביץ**

**הרה"ת ר' שמואל הלוי שי' גורביץ**

**מרת דוואשא שתחי' ריבקין**

ספר הברה צנים.indd 194 06/08/2008 20:31:55

לעילוי נשמת

הרה"ת ר' **אייזיק גרשון** ב"ר **אברהם זאב** ע"ה

**מינץ**

נפטר ב' חשון ה'תשנ"ג

לעילוי נשמת

הוו"ח ר' **אברהם זאב** ב"ר **אליעזר** ע"ה

נפטר י"ד מנחם אב ה'תשל"ה

וזוגתו מרת **שרה דבורה** ב"ר **דוד יצחק** ע"ה

נפטרה ג' טבת ה'תשנ"ב

• • •

לעילוי נשמת

הוו"ח ר' **אפרים שמואל** ב"ר **אברהם צבי** ע"ה

נפטר נר ה' דחנוכה ה'תשכ"ו

וזוגתו מרת **חנה טויבא** ב"ר **פנחס**

נפטרה ד' מנחם אב, ה'תשנ"ד

ספר הרב מינץ.indd 195 06/08/2008 20:31:55

לעילוי נשמת
הרה"ח ר' **מרדכי** ב"ר **יהושע זעליג הכהן** ע"ה
**ריבקין**
נפטר ב' ניסן ה'תשס"ח

• • •

לעילוי נשמת
מרת **אסתר** ב"ר **אלעזר** ע"ה
**גורביץ**
נפטרה כ"ף מנחם אב, ה'תשס"ז

• • •

לעילוי נשמת
**חי' רייזל** בת מוה"ר **חיים יעקב** שליט"א
**ענדצווייג**

• • •

לזכות
הוו"ח ר' **דוד יצחק** וזגתו **מרת רחל** שיחיו
ובנם **איתן לירון** שיחיו
**מינץ**

לברכה והצלחה בגשמיות וברוחניות ולאריכות ימים ושנים טובות

עונג שבת.indd 196 06/08/2008 20:31:56

לזכות מורי ורבותי

מיינע טייערע מנהלים און מלמדים אין

**ישיבת אהלי תורה - אהלי מנחם**

הרה"ח ר' **צבי הירש** שי' **לוסטיג**, מנהל רוחני

הרה"ח ר' **פנחס** שי' **רפופורט**, מנהל

הרה"ח ר' **שמואל הכהן** שי' **בנג'מן**

הרה"ח ר' **חיים** שי' **בורסטאן**

הרה"ח ר' **אלימלך** שי' **טיפענברון**

דודי הרה"ח ר' **זאב וואלף** שי' **קארפ**

הרה"ח ר' **שלמה** שי' **פוטערפאס**

הרה"ח ר' **חנוך הענדל** שי' **סערעבריאנסקי**

הרה"ח ר' **מענדל** שי' **איידעלמאן**

הרה"ח ר' **יהודה ד.** שי' **לוינזון**

אין דער זכות פון זייער חינוך על טהרת הקודש בדרכי החסידות זאל זיי דער אויבערשטער בענטשען מיט כל טוב בגשמיות וברוחניות, מיט אסאך הצלחה אין זייער עבודת הקודש און נחת פון זייערע קינדער און תלמידים לאורך ימים ושנים טובות.

ספר הרב מינע.indd 197 06/08/2008 20:31:56